NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04696

YUNGVALD

Permanent preservation of this book was made possible
by Harry & Marion Weiss
in memory of
their parents, Bessie & Ralph Weiss and Mildred & Harry Rivkees

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאנד"

יונגוואלד

נומ. 4

ביילאגע צום זשורנאל נומ. 2, 1990

פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל" • מאָסקווע • 1990

Содержание

אינהאלט

Новые произведения		**נײַע װערק**
Александр Бейдерман. **Стихи**	3	אלעקסאנדער בײדערמאן. **לידער**
Александр Ярмарков. **Чудеса в манеже**	4	אלעקסאנדער יארמארקאָװ. **ניסים־װוּנדערלעך אױפֿן מאנעזש**
Наша хрестоматия		**אונדזער כרעסטאָמאטיע**
Ицик Мангер. **Стихи**	10	איציק מאנגער. **לידער**
Мойше Надир. **Мой первый вклад**	24	מױשע נאדיר. **מײַן ערשטער דעפּאָזיט**
Менделе Мойхер-Сфорим. **Теленок**	34	מענדעלע מױכער־ספֿאָרים. **דאָס קעלבל**
Шолом Аш. **Библейские истории**	61	שאָלעם אש. **מײַסעלעך פֿון כומעש**
Вопросы языка		**שפּראַך־פֿראַגן**
Геннадий Эстрайх. **Идиш для нашего поколения**	73	גענאדי עסטרײַך. **ייִדיש פֿאַר אונדזער דאָר**
Нина Воронина. **Проблемы мамэ-лошн**	76	נינא װאָראָנינא. **ארום דער פּראָבלעם פֿון מאמע־לאָשן.**
К языковым проблемам в Израиле	80	**צו די שפּראַך־פּראָבלעמען אין ייִסראָעל**
Преподаватели языка идиш: «Мы делимся нашим опытом»	82	**לערער פֿון ייִדיש־קורסן: מיר טײלן זיך מיט אונדזער דערפֿאַרונג**
Познакомтесь: Лёня Розентул — девятилетний лауреат	85	**זײַט באקאנט: ליאָניע ראָזענטול — דער נײַניאָריקער לאורעאט**
Письма читателей	91	**בריװ פֿון אונדזערע לײענער**
Мойше Шапиро. **Еврейская лексикография и литературный идиш**	102	מױשע שאפּיראָ. **ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע און ליטעראַרישער ייִדיש**

נײַע ווערק

אלעקסאנדער ביידערמאן

* * *

הײַנט גייט א רעגן. נעכטן איז געגאַן א שניי.
איין גאָט נאָר ווייסט, וואָס גיין וועט מאָרגן.
לעבן דעם פענצטער שטילערהייט איך שטיי.
עס שטערן מיר דערמאָנונגען און זאָרגן.

סע ווערט אלץ שווערער צו פארדינען געלט,
דאָס געלט אליין איז וועלוועלער געוואָרן.
און זייער זעלטן טאנץ איך, זינג און קוועל,
און זייער אָפט פארשעלט איך מײַנע יאָרן.

איצט גיי פארשטיי, וואָס ס'טוט זיך אין דעם לאנד, —
אזויפיל זײַנען דורכגעגאַן עטאפן,
אז מע האָט מוירע אויסשטרעקן די האנט —
ווער ווייסט, וואָס מיט דער האנט מע קאָן דערטאפן...

* * *

מײַן טאטע איז געווען א פראָסטער מענטש, א שנײַדער.
דאַן גאנצע טעג זײַן „זינגער" זינגען פלעגט אין שטוב.
מע האָט אים ניט געשלעפט צעיושעט אפן שײַטער,
און לעבעדיקערהייט מ'האָט ניט געוואָרפן אים אין גרוב.

„מע שיסט, אויב עמעץ וואגט א טראָט טאָן אין א זײַט".
מײַן טאטע ניט געהאט האָט אזא טעווע.
ער פּאָשעט האָט געלעבט אין יענער צײַט.
דאָס גאנצע לעבן זײַנס, דאָס גאנצע לעבן...

אלעקסאנדער יארמארקאָוו

ניסים־וועניפלאָעס אפן מאנעזש

צי האָט איר ליב צירק?

— פאַרשטייט זיך, — וועט ענטפערן יעדערער, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך. קיין אנדער ענטפער אף דער דאָזיקער פראגע קאָן ניט זיין, און דארף ניט זיין. צירק איז פּאָפּולער בא מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער — פון קלייניקע קינדער ביז פּענסיאָנערן. אין וואָס זשע איז דער סאָד פון אזא פּאָפּולערקייט זייַנעם? ווייַזט אויס, מיט דער אייביקער יונגקייט פון דער דאָזיקער אוראַלטער קונסט.

מיט א פאַרטייַעטן אָטעם שפּירן מיר נאָך די ארויסטרעטונגען פון געוואגטע אף פערד, פון שרעקלאָזע דרעסיראָווטשיקעס, אטלעטישע אקראָבאטן און גימנאסטן, לאכן מיט פאַרגעניגן פון די שפּאסן פון קלאָונען.

מיר וואָלט זיך אָבער געוואָלט דערציילן וועגן ניט גאָר קיין געוויינלעכן צירק־קאָלעקטיוו. פון אנדערע צייכנט ער זיך אויס מיט דער אויסערגעוויינלעכער יונגקייַט. מיט דער יונגקייַט ניט בלויז גופא פונעם קאָלעקטיוו — אים איז ניט מער פון 15 יאָר, נאָר מיט דער עלטער פון זייַנע מיטגלידער — שילער פון די שולן פון געגנטלעכן צענטער. דאָס איז דער קאָלעקטיוו פון דער צירק־סטודיע „גליקלעכע קינדהייַט” פון דער ביראָבידזשאנער פּראָדוציר־פאריייניקונג „דאלסעלמאש”.

דאָ זייַנען נאָך דערווייַל ניטאָ קיין אייגענע רייַטער אף פערד, און ווייַטער שיידט זיך דער קאָלעקטיוו מיט גאָרנישט ניט אונטער אפילע פון א פּראָפעסיאָנעלן — ניט אין דער פאַרשיידנארטיקייַט און אָריגינעלקייַט פון די זשאנרען, ניט אין דער אויספילערישער מייַסטערשאפט פון די יונגע צירק־אַרטיסטן. אויך די טיטולן פון דער דאָזיקער סטודיע וואָלטן געקאָנט מעקאנע זייַן א סאך פּראָפעסיאָנעלע קאָלעקטיוון.

גענוג צו זאָגן, אז די „גליקלעכע קינדהייַט” איז א לאורעאט פון דער פּרעמיע פונעם כאבאראָווסקער קאָמיוג, א דיפּלאָמאנט פון ווצספּס, פונעם פּעס־

טיוואַל „באַפרײַנדעטע זײַנען קינדער פון דער גאַנצער פּלאַנעטע", וועלכער איז פאָרגעקומען אין „אַרטעק" אין די ראַמען פונעם אַלוועלטלעכן פעסטיוואַל פון יוגנטלעכע און סטודענטן, א דיפּלאָמאַנט פון פיל אַלפאַרבאַנדישע פעסטיוואַלן פון זעלבסטטעטיקער פאָלקס־קונסט און פונעם קאַנטישן פעסטיוואַל פון עסטראַ־דע־צירק־קונסט, און ווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק קפּסס מ. ס. גאָר־באַטשאָוו האָט באַזוכט סימפעראָפּאָל, האָבן די קינדער געגעבן פאַר אים א גאַלאַ־קאָנצערט אויפן שטאָטישן סטאַדיאָן. די פאַקטן, ווי איר זעט, נייטיקן זיך ניט אין קאָמענטאַרן.

דאָס דאָזיקע צעטל וואָלטן מיר געקאָנט פאָרזעצן, אָבער קיין שום טיטלען וואָלטן ניט געזאָגט מער, איידער גופא די ספּעקטאַקלען — א סאַכאַקל פון דער פיליאָריקער אַרבעט פונעם קאָלעקטיוו. דער וועג צו יעדערן פון זיי איז געווען א לאַנגער און א שווערער.

און אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון א הויז־קעלער. יאָ, יאָ, טאַקע פון א קעלער, ווו דער כוליגאַן סלאַווקע אונקינד פלעגט צונויפקלײַבן זײַנע כאַווריים פון איין עלטער. טאַקע אויף דער דאָזיקער „אונטערערדישער" אַרענע האָבן זיי געגרייט די ערשטע גימנאַסטישע אַטראַקציאָנען, מיט וועלכע זיי זײַנען דערנאָך אַרויסגעטראָטן פאַר די אײַנוווינער פונעם הויז. ניט זעלטן פלעגן די דאָזיקע פאָרשטעלונגען איבערגעריסן ווערן מיט אַפּלאָדיסמענטן... פון מיליציע־טוער, וועלכע פלעגן, שפּירנדיק נאָך דער אָרדענונג, אָפּפירן די יונגע „פאַרברעכער" אַהיים און ניט זעלטן — אויך אין קינדערשן מיליציע־צימער. דאָ איז צום ערשטן מאָל, ווי מע זאָגט, פאַרעגיסטרירט געוואָרן אָט דער נײַער זעלבסטטעטיקער קאָ־לעקטיוו. גאָרנישט האָט ניט געקאָנט אויסמעקן פון סלאַווקעס האַרצן זײַן לאַנ־גאָניקן טרוים — ווערן א צירק־אַרטיסט. און ער איז טאַקע אַזאַ געוואָרן.

דאָס איז געווען ביז פאַנאַטיזם א פאַרכאַפּטער מענטש, דערמאָנט זײַן פּעדאַגאָג דאַריע איסאַקאָווגאַ וואַקסמאַן. אַנשטאָט די לימודים האָט ער פאַר־בראַכט די גאַנצע צײַט אויפן ספּאָרט־פּלאַץ פון דער שול, און צווינגען אים גיין זיך לערנען איז געווען פּראַקטיש אוממעגלעך.

— סײַוויסײַ וועל איך ווערן אן אַקראָבאַט, — פלעגט ער זאָגן, און ווען עס האָט פּאַסירט, אַז ער פלעג יאָ זײַן אויף די לימודים, איז ער אַרויסגעגאַנגען צום טאָוול צו ענטפערן... אויף די הענט אָדער מאַכנדיק עטלעכע סאַלטאָס צווישן די טיש־רייען. אויף דעם פאָרגעקומענעם דאָ ניט לאַנג אָוונט־באַגעגעניש פון די געוועזענע שילער פון אונדזער שול איז, ווי מע זאָגט, קיין עפּל ניט געווען ווו צו פאַלן. איינער איז געוואָרן א דאָקטער, דער צווייטער — אן אינזשעניער. דאָ זײַנען אויך געווען פּעדאַגאָגן, זשורנאַליסטן, אַרבעטער פון פאַרשיידענע אונטערנעמונגען פון א סאַך שטעט פון דעם לאַנד.

— און איך בין טאַקע געוואָרן אן אַקראָבאַט, — האָט געזאָגט דער קאָנ־

דידאַט אין ספּאָרט־מײַסטערס פון לײַכטער אַטלעטיק וויאַטשעסלאַוו אונקינד און גלײַך אין קאָרידאָר געמאַכט עטלעכע סאַלטאָס. יאָ, ער איז געוואָרן אַזאַ, ווי ער האָט געוואָלט זײַן. און ער איז געבליבן יענער, וועלכער ער איז געווען — טרײַ צו זײַן טרוים און אַזעלכער ווי פריִער — כוליגאַן סלאַווקע.

אַדאַנק זײַן אײַנגעשפּאַרטקײַט, האָט מען אין 1973 יאָר אין קלוב פון דער ביראָבידזשאַנער נײַ־פאַבריק אויסגעטײלט אַ ספּאָרטיוון זאַל פאַר די, וואָס האָט פאַרלאַנגט זיך פאַרנעמען אין דער צירק־סטודיע, וויאַטשעסלאַוו איז געוואָרן איר אָנפירער. ער געדענקט גוט יענעם פריִאָד:

— די סטודיע האָט געלעבט מיט איר אינטערעסאַנט, פאַרכאַפּנדיק לעבן, — דערציילט ער, — עס זײַנען אָנגעקומען אַלץ נײַע און נײַע כעווראַ. געווען איז אַזאַ אײַנדרוק, אַז די טירן פונעם זאַל פאַרמאַכן זיך ניט: עס זײַנען געגאַנגען, געגאַנגען מיידלעך און ייִנגלעך מיט מעלדונגען: „איך וויל אין צירק".

מעגלעך אַזוי איז עס טאַקע געווען. אָט זײַנען זיי שוין 100, 150, 170... איז וואָס זשע טאָן? צירק — דאָס איז דאָך אַ צוציִענדיקע זאַך. און אַלץ האָט זיך איבערגעמישט אין יענעם זאַל — אַקראָבאַטן, לופט־גימנאַסטן, קאַנאַט־טענצער, זשאָנגליאָרן, קלאָונען. ס'איז געוואָרן ענג, פלעגן זיי זיך פאַרנעמען אין די קאָרידאָרן אויף די לייטער־פּלעצער, זיי פלעגן הענגען אויף טראַפּעציעס, אַלמעגלעכע צירק־מאַכשירים, זיי האָבן זיך געלערנט אויספילן פאַרשיידענע קאָמפּליצירטע איבונגען און נומערן. עס האָט זיך געדוכט, אַז וועגן קיין שום אָרדענונג קאָן ניט גיין קיין רייד אין אַזעלכע באַדינגונגען. און דאָך איז זי געווען.

אין צוויי־דרײַ כאָדאָשים אַרום זײַנען קינדער געוואָרן ווייניקער. אין דער סטודיע זײַנען פאַרבליבן 150 סאַמע פעיִקע, סאַמע אײַנגעשפּאַרטע. זיי איז געווען גוט. מע האָט אָנגעהויבן גרייטן צירק־אַטראַקציִאָנען, אַרויסטרעטונגען, אַרויספאָרן, שעפערישע באַגעגענישן...

אַ סאַך צײַט איז אַדורך זינט דאַן, אַ סאַך האָט זיך געענדערט אויך גופא אין דער סטודיע. פּרעכטיקע לופט־ און ערד־אַפּאַראַטן, אויסערגעוויינלעכע קאָסטיומען האָבן פאַרכאַפּט די כעווראַ. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אומגעזעעניעם ענטוזיִאַזם אין דער אַרבעט פון אַלע מיטגלידער פונעם קאָלעקטיוו, און אײַנציַײטיק אויך פון זײַן אָנפירער. און אויב זײַן פּינקטלעכער — זײַן פאַנאַטיזם. און דאָס זײַנען ניט קיין שיינע ווערטער — דאָס איז אַ רעאַלע ווירקלעכקײַט, בלויז אַ פאַנאַטיקער קאָן דאָך אַרבעטן 15 יאָר אָן אָפּרו־טעג און אָן אורלויבן, דורכפירנדיק פאַרנעמונגען זיבן טעג אין וואָך! נאָר נעמלעך אַזעלכע פאַנאַטיקער זײַנען פעיִק אויף עמעסן וווּנדער, נעמלעך זיי פאַרוואַנדלען אונדזערע אינדערוואַכנס אין יאָמטויווים.

רײַך איז אויך די גאַסטראָל־געאָגראַפיע פונעם קאָלעקטיוו. מאָסקווע, וואָלאָדיוואָסטאָק, באַם, אַלושטע, אַרטעק, קאָמסאָמאָלסק־אויפן־אַמור, סאָוועטסקאַיאַ

גאַוואַן, סאַכאַלין... זייערע אַרויסטרעטונגען האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט אָפּצושאַצן ליבהאָבער פֿון צירק־קונסט פֿון יאַפּאַן, בעלגיע, אַמעריקע, ענגלאַנד, די יונגע צירק־אַרטיסטן זײַנען געוואָרן באַליבטע און געגאַרטע געסט אין די שטעט און דערפֿער פֿון כאַבאַראָווסקער קאַנט, ניט ריידנדיק שוין וועגן אונדזער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

ניטאָ, ווײַזט אויס, אַזאַ באַפּעלקערטער פּונקט אין די דאָזיקע ראַיאָנען, וווּ דער קאָלעקטיוו זאָל ניט האָבן אַרויסגעטראָטן מיט זײַנע פּראָגראַמען פֿאַר די האָרעפּאַשניקעס פֿון די פֿעלדער און פֿערמעס. אין פֿעלד, אויף אַפּאַראַטן, אויפֿגעהאַנגענע אויף קריוקן פֿון הייבקראַנען, אויף דער הייך פֿון 4 — 5 מעטער פֿילן אויס די לופֿט־אַקראָבאַטן זייערע קאָמפּליצירטע טריוקן.

עס איז אויך נייטיק אָפּמערקן דעם פֿאַקט, אַז די סטודיע „גליקלעכע קינדהײַט“ איז דער איינציקער אין לאַנד צירק־קאָלעקטיוו, וועלכער אַרבעט אָן סטראַכירונג. וואָס איז עס? אַ ריזיקע צוליב סענסאַציע? אַ באַרימערײַ אָדער אַנשוילעכע דעמאָנסטראַציע פֿון טאַלאַנט? ניין! דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון קאָלאָסאַלער טאָגטעגלעכער אַרבעט פֿון וויאַטשעסלאַוו גריגאָריעוויטשן און פֿון זײַנע דערצויגלינגען.

— צי איז פֿאַראַן אַ ריזיקע? — זאָגט וויאַטשעסלאַוו, — פֿאַרשטייט זיך, פֿאַראַן! אָבער גראָד דאָס איז אָפּהענגיק פֿון דער אַרבעט בײַס די טרענירונגען, פֿון די פֿיזישע מײַלעס פֿון די יונגע צירק־אַרטיסטן, וועלכע מע קאָן אויך אַנטוויקלען אויף די טרענירונגען. און אַלץ, הייסט עס, איז אָפּהענגיק פֿון מיר. די קינדער גלייבן מיר, פּונקט אַזוי, ווי איך גלייב זיי. און בלויז אַזוי, בײַ אַ קעגנזײַטיקן צוטרוי, קאָן מען זיך דערשלאָגן אַ דערפֿאָלג.

פֿאַרן פֿעריאָד פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער סטודיע זײַנען אויף אירע פּאָרשטעלונגען שוין בײַגעווען מער פֿון 100 טויזנט צושויער. די יונגע אַרטיסטן האָבן איבערגעגעבן אין סאָוועטישן שאָלעם־פֿאָנד מער פֿון 15 טויזנט רובל, העכער 2,5 טויזנט — אָפּן כעזשבן פֿון די געליטענע בײַס דער אַוואַריע אין טשערנאָביל, בײַ 5 טויזנט רובל האָבן זיי איבערגעגעבן דעם ביראָבידזשאַנער שול־אינטערנאַט, מער פֿון 1.000 רובל — דעם קינדער־הויז פּונעם דאָרף וואַלדהיים. די דאָזיקע פֿאַקטן און ציפֿערן פֿאָדערן ניט קיין דערקלערונגען — די קינדער מיִען זיך אין נאָמען פֿון שאָלעם, אין נאָמען פֿון גליק פֿון זייערע צײַטכאַוויירים. און די דאָזיקע מי, דאַרף מען זאָגן, איז ניט קיין פּאָשעטע און לײַכטע.

כאַדאָשימווײַז שלײַפֿן זיי יעדן עלעמענט פֿון די נומערן, שלײַפֿן און פֿאַרפֿולקומען זיי אַזוי, אַז די צושויער זאָלן זיי זיך דוכטן פֿאַר לײַכטע און פּאָשעטע. און צוליב דעם דאַרף יעדער מיטגליד פֿון דער סטודיע פֿאַרמאָגן, ווי מע זאָגט, אײַזערנע נערוון, קאָלאָסאַלן ווילן און געדולד.

קעדײַ צו דערמאָנען, אַז ניט װײניק כעװרע האָבן ניט אױסגעהאַלטן, האָבן פאַרלאָזט די סטודיע. עס זײַנען אָבער פאַרבליבן עכטע ספּאָרטסמענער, פאַרליבטע אין צירק. פאַר זײ איז די סטודיע ניט קײן פאַרװײַלונג, נאָר א שול פון פאַרהאַרטעװען דעם כאַראַקטער, א שול פון לעבן. א סאַך פון זײ האָבן שױן, נאָכן פאַרענדיקן די מיטלשולן, זיך געװידמעט דעם ספּאָרט און צירק. אַשטײגער, די געװעזענע אַרױסלאָזניצע פון דער סטודיע טאַטיאַנע גאָרדיִענקאָ טרעט אַצינד אַרױס אינעם אַשכאַבאַדער צירק, יעלענע נאָװאָקרעשטשאָניך האָט, נאָכן פאַרענדיקן דעם בלאַגאָװעשטשענסקער פיזקולטור־טעכניקום, א לאַנגע צײַט געהאָלפן איר געװעזענעם ערשטן טרענירער און לערער װיאַטשעסלאַװ גריגאָריעװיטש אונקינדן אין דער אַרבעט, ליודע זשיגולינאַ, לענע דעמטשוק, טאַניע װאַסיליעװאַ, לאָלע טשכאַידזע, מאַרינע װאַכרינאַ, טאַניע װאַיעװאַ האָבן אַצינד באַשלאָסן פאַרזעצן זײער לער אין צירק־שולן.

דאָס אַלץ רעדט װעגן דעם, אַז דעם הױפּט־ציל, װאָס עס האָט געשטעלט פאַר זיך װיאַטשעסלאַװ אונקינד — אײַנפלאַנצן די קינדער ליבע צו ספּאָרט, — האָט ער זיך דערשלאָגן. מע זאָגט, אַז דער דערפאָלג פון יעטװידן קאָלעקטיװ איז אױף א העלפט אָפּהענגיק גופא פונעם קאָלעקטיװ, און אױף א העלפט פונעם אָנפירער. מעגלעך, אַז דאָס איז אַזױ. כאָטש, װײַזט אױס, װײניק־װער פון דער שטאָטישער און געגנטלעכער אָנפירונג האָט זיך פאַרטראַכט איבער דעם, כוץ די פאַלן, װען די סטודיע איז זײ נײטיק געװאָרן צוליב אַרױסטרעטונגען. נעמלעך דאַן פלעגט מען, געװײנלעך, אָנהײבן לױבן סײַ דעם קאָלעקטיװ, סײַ זײַן אָנפירער. נאָר דאָס, װאָס װיאַטשעסלאַװ אונקינד האָט פאָרגעשטעלט אונדזער געגנט אױפן דרײַצנטן אַלװעלטלעכן פעסטיװאַל פון יוגנט און סטודענטן אין פכעניאַן, קאָן מען האַלטן פאַר א פאַרדינטער באַלױנונג אים און זײַן סטודיע.

— ניט װיכטיק, װער װעלן זײ זײַן אין דער צוקונפט, — זאָגט װיאַטשעסלאַװ, — דאָקטױרים, לערער, אינזשעניערן, אַגראָנאָמען אָדער ספּעציאַליסטן פון אַנדערע געביטן, דער איקער איז דאָס, װאָס זײ װעלן אױסװאַקסן פיזיש געזונטע און גוטע מענטשן, און אין דעם בין איך זיכער. די אַרבעט אין צירק לערנט ניט קײן שלעכטס.

איז װאָס? צום װידערזען אױפן מאַנעזש!

אין נאָיאַבער 1989 יאָר האָט די אַלרוסלענדישע מוזיקאַלישע געזעלשאַפט צוגעײגנט זעקס בירָאָבידזשאַנער קולטור־טוער דעם ערנטיטל „אױסגעצײכנטלער פון דער מוזיקאַלישער געזעלשאַפט”, דערין דעם אָנפירער פון דער צירק־סטודיע „גליקלעכע קינדהײט” װ. ג. אונקינד.

אונדזער כרעסטאָמאַטיע

• איציק מאַנגער

• מוישע נאַדיר

• מענדעלע מויכער־ספאָרים

• שאָלעם אַש

ИЦИК МАНГЕР
(1901 — 1969)

Один из крупнейших еврейских поэтов двадцатого века. Родился в Черновцах. Отец Ицика Мангера был бедный портной, одарённый человек, знаток народных песен и сказок. Поэт в детстве впитал в себя атмосферу старого еврейского театра Гольдфадена, своеобразную многонациональную культуру Буковины. Он учился в немецкой гимназии, но был исключён за плохое поведедение. После начала Первой мировой войны переселился в Яссы, работал подмастерьем, приказчиком в лавке. В 1918 году начал писать стихи на идиш, в 1921 было

напечатано его первое стихотворение, и с тех пор он активно печатает статьи и стихи в различных еврейских изданиях, выходивших в Румынии. В 1929 в Черновцах он начал выпускать свой миниатюрный журнал «Гецейлте вертер». В этом же году выпустил в Бухаресте свою первую книгу — «Штерн афн дах» («Звёзды на крыше»).

Мангер объезжает еврейские культурные центры в Польше и Прибалтике, его песни и баллады популярны во всех слоях общества. В 1933 вышла его вторая книга, в 1935 — 36 — знаменитые «Хумеш-лидер» и «Мегиле-лидер» («Библейские стихи»).

Большой успех имели пьесы Мангера по мотивам произведений Гольдфадена. Он написал также несколько крупных прозаических произведений, множество статей по истории еврейской литературы. Во время фашистской оккупации Франции Мангер оказался в Париже, и ему с большим трудом удалось выбраться в Англию. В 1948 он был делегирован международным ПЕН-клубом в Польшу на открытие памятника героям гетто. В 1951 переехал в Нью-Йорк, где сотрудничал в различных литературных изданиях. В 1958 он впервые посетил Израиль, в 60-е годы окончательно там поселился. Умер в Тель-Авиве в 1969 году.

Когда Ицик Мангер посадил дерево в «Лесу святых» в Израиле в память о шести миллионах евреев, погибших в годы фашизма, он сказал: «Друзья, если вы увидите птицу на моем дереве — знайте, это в нее воплотилась моя душа».

Его стихотворения переводились на английский, французский, немецкий, иврит, польский, румынский, латышский и другие языки.

איציק מאנגער

אפן וועג שטייט א בוים

אפן וועג שטייט א בוים
שטייט ער אײַנגעבויגן,
אלע פייגל פונעם בוים
זײַנען זיך צעפלויגן.

דרײַ קיין מיזרעך[1], דרײַ קיין מיירעוו[2],
און דער רעשט קיין דאָרעם[3],
און דעם בוים געלאָזט אליין,
העפקער פארן שטורעם.

זאָג איך צו דער מאמע: „הער,
זאָלסט מיר נאָר נישט שטערן,
וועל איך, מאמע, איינס און צוויי,
באלד א פויגל ווערן.

איך וועל זיצן אפן בוים
און וועל אים פארוויגן
איבערן ווינטער מיט א טרייסט
מיט א שיינעם ניגן[4]".

זאָגט די מאמע: „ניטע[5], קינד",
און זי ווײנט מיט טרערן.

---

1 מיזרעך (מיזרח) — восток
2 מײַרעוו (מערב) — запад
3 דאָרעם (דרום) — юг
4 ניגן (ניגון) — мелодия, напев
5 ניטע — не надо

„קענסט כאָלילע[6] אפן בוים
מיר פארפרוירן ווערן״.

זאָג איך: „מאמע, ס׳איז א שאָד
דײַנע שיינע אויגן״ —
און איידער וואָס, און איידער ווען,
בין איך מיר א פויגל.

וויינט די מאמע: „איציק־קרוין[7],
נעם, אום גאָטעס ווילן,
נעם כאָטש מיט א שאַליקל[8]
זאָלסט זיך ניט פארקילן.

די קאַלאָשן נעם דיר מיט,
ס׳גייט א שארפער ווינטער —
און די קוטשמע[9] טו דיר אָן,
ווי איז מיר און ווינד מיר.

און דאָס ווינטער־לײַבל[10] נעם,
טו עס אָן, דו שויטע[11],
אויב דו ווילסט ניט זײַן קיין גאסט
צווישן אלע טויטע״.

כ׳הייב די פליגל. ס׳איז מיר שווער,
צופיל, צופיל זאכן,
האָט די מאמע אָנגעטאָן
דעם פייגעלע דעם שוואכן.

קוק איך טרויעריק ארײַן
אין דער מאמעס אויגן:
ס׳האָט איר ליבשאפט ניט געלאָזט
ווערן מיר א פויגל.

6	כאָלילע (חלילה)	не дай бог
7	איציק־קרוין	Ицик дорогой
8	שאַליקל	платок, шаль
9	קוטשמע	меховая шапка
10	ווינטער־לײַבל	зимний кафтан
11	שויטע (שוטה)	дурачок

אקיידאס־איציק[1]

וויג מיך, וויג מיך, בלינדער גוירל[2],
איך כאָלעם[3] מיט אָפענע אויגן,
און זע — א גרויסער זילבערנער פויגל
קומט איבערן יאם געפלויגן.

וואָס טראָגט פאר מיר דער זילבערנער פויגל
איין גאָט אין הימל קען וויסן,
עפשער מייַן זיידנס קידעש־בעכער[4]
מיט ערעץ־ייִסראָעל־ווייַן[5] זיסן?

נאָר ווער האָט דערמאָנט מייַן זיידנס נאָמען?
אָט שפאנט צו מיר דער זיידע,
דער באלעגאָלע[6] פון סטאָפּטשעט:
„איציק, ס'איז גרייט די אקיידע".

און זייַנע אויגן ברענען אף מיר,
ווי צוויי הארבסטיקע שטערן,
זייַן גרויע באָרד איז פארלויפן מיט ווינט
און מיט זיבן גרויסע טרערן.

פירט מיך דער זיידע בא דער האנט
איבער שטעט און דערפער און גריבער —
די שטעט זייַנען קליין, די דערפער גרויס
און מיר שפרייַזן איבער זיי אריבער.

זאָגט דער זיידע: „איציק, געדענקסט —
צוריק מיט אזוי פיל יאָרן —

---

1 אקיידאס־איציק (עקידת) — жертвоприношение Исаака
2 גוירל (גורל) — судьба
3 כאָלעם (חלום) — сон
4 קידעש־בעכער (קידוש) — бокал для благословения
5 ערעץ־ייִסראָעל־ווייַן (ארץ־ישראל) — вино из земли Израиля
6 באלעגאָלע (בעל־עגלה) — возчик

ווען ס׳האָט זיך דער מאַלעך[7] צו אונדז אַנטפּלעקט
און דו ביסט ניצל[8] געוואָרן?

איצט האָט ער כאַראָטע[9], דער אַלטער גאָט,
און ער מאָנט[10] בא מיר דעם קאָרבן[11],
כאָטש כ׳האָב שוין אַזויפיל מאָל געלעבט
און בין שוין אַזויפיל מאָל געשטאָרבן.

א סאָף, און עק, איך דאַרף ניט זײַן גנאָד
און זאָל ער אין הימל ניט מיינען —
איציק, ס׳איז גוט, וואָס דײַן מאַמע איז טויט
און זי וועט פאַרשפּאָרן צו וויינען".

פירט מיך דער זיידע בא דער האַנט
איבער שטעט און דערפער און גריבער —
די שטעט זײַנען קליין, די דערפער גרויס
און מיר שפּרײַזן איבער זיי אַריבער.

א פּראָפּאָ דער לאַנדשאַפט:
אַמאָל, אַמאָל, אַף פּעריִען אַוועק פון טשערנאָוויץ צום זיידן אַף אַפּרו. אין דער בויד פונעם זיידן, דעם באַלעגאָלע אַווראָם מאַנגער. דער אָוונט טונקלט, טונקלט. די וואָלקנס זײַנען קיין וואָלקנס ניט, נײַערט מעשונע[12] מאָדנע באַשעפענישן, וואָס הענגען און ליגן אַף די ווערבעס פאַזע וועג און שרעקן דאָס קינדישע געמיט.

אָ, זיסער גרויל פונעם קינדערשן געמיט! צי פירט מיך נישט דער זיידע צו דער אַקיידע?

דער זיידע האָט געהאַט טרויעריקע אויגן. זײַן בײַטש האָט געהאַט א רויטע טראָלד[13]. און באַם קאַשטן, וואָס איז געווען געשפּאַנט אין דער רעכטער זײַט, איז געווען אָפּגעליפּעט א שטיק פעל.

---

7 מאַלעך (מלאך) — ангел
8 ניצל (ניצול) — спасаться, избавляться
9 כאַראָטע (חרטה) — раскаиваться
10 מאָנען — требовать
11 קאָרבן (קרבן) — жертва
12 מעשונע (משונה) — странные, чудные
13 טראָלד — кисть

ראָכל[1] און לייע[2]

ראָכל שטייט באָרוועס אַף דער שוועל
און טרילערט[3] שטיל א ליד,
די שוואלבן[4], וואָס פלאטערן[5] פארבײַ,
שמעקן מיט פרילינג און צוויט.

יאנקעוו[6], דער ליכטיקער פארשוין,
איז איר געקומען צו כאָלעם[7] באנאכט
און האָט איר פאר זײַן הארטער מי
דרײַ שיינע מאטאָנעס[8] געבראכט.

א בענטשערל[9] און שיכלעך פון לאק
און א פינגערל פון גאָלד —
אוי, ווען די שוואלבן וואָלטן געוווּסט,
ווי שטארק זי האָט אים האָלט![10]

זי זשמורעט די אויגן צו דער זון
און לאכט און לאכט און קוועלט,
וואָס אָט־די אייגענע גרויסע זון
שײַנט אויך אַף אים אין פעלד.

א ווינטל לאשטשעט אירע פיס
און שטיפט[11] אין אירע האָר

1	ראָכל (רחל)	праматерь Рахиль
2	לייע (לאה)	праматерь Лея
3	טרילערט	напевает
4	שוואלבן	ласточки
5	פלאטערן	порхать
6	יאנקעוו (יעקב)	праотец Иаков
7	געקומען צו כאָלעם (חלום)	явился во сне
8	מאטאָנעס (מתנות)	подарки
9	בענטשערל	книжечка с молитвой и благословениями, читаемыми после еды
10	האָלט האָבן	любить
11	שטיפן	шалить

און רוימט[12] איר שטיל אין אויער איַין:
„נאָך גאַנצע פינף יאָר".

„ראָכל! (די שוועסטער לייע רופט)
די קאַווע ווערט דיר קאַלט".
ראָכל טוט א ציטער שטיל:
„אָט טייקעף[13], לייע! באלד!"

און זי ווערט טרויעריק מיטאמאָל,
זי ווייסט, אז לייע וויינט
אף איר געלעגער יעדע נאכט
און זי ווייסט אויך, וואָס דאָס מיינט...

און ס'טוט באַם הארצן איר א קלעם[14]
און זי לויפט אין אלקער[15] גיך:
„נא דיר, לייע, שוועסטערל־קרוין,
דאָס בענטשערל און די שיך!

און נא דיר, לייע, שוועסטערל־קרוין,
דאָס פינגערל פון גאָלד,
נאָר לאָז פאר מיר, פאר מיר אליין,
אָט דעם, וואָס איך האָב האָלט".

און ס'אָטעמט פון די שוועסטער שארף
די בענקשאפט און דער צאר[16],
און ווער ס'לאכט פון זיי און שפעט,
איז א ראָשע[17] און א נאר...

12	רוימט איַין	шепчет
13	טייקעף (תיכף)	немедленно
14	ס'טוט באַם הארצן איר א קלעם	сжимается сердце
15	אלקער	альков, отгороженное место, где спят
16	צאר (צער)	печаль, горе
17	ראָשע (רשע)	злодей

עסטער[1] גרייט זיך צום מײלעך

עסטער שטייט פארן שפּיגל שלאנק
אין א בלויען סאמעט־קלייד,
די פּערל בלישטשען אף איר האלדז
און זי מורמלט שטילערהייט:

„די לייצים[2], די פּורים־שפּילער[3], זיי
זאָגן, אז עך[4] בין גרין —
אָסער![5] טאקע נאָר עך אליין
ווייס, ווי שיין איך בין".

ס'טונקלט, דער אלטער נוסנבוים
רוישט מיד אין פענצטער אריַין:
„ווו איז דער פעטער, עסטערשי,
הא, ווו קען ער זיַין?"

„דער פעטער?" — עסטער פארויטלט זיך, —
„ער דרייט זיך אין מײלעכס הויף,
דאָרט פירן שאדכאָנים[6] פון איבעראל
די שענסטע בסולעס[7] צונויף.

און עך, דו אלטער נוסנבוים,
וועל אויכעט גיין אהין.
צ'וואָר, דו אלטער נוסנבוים,
אז עך בין טאקע גרין?"

1	עסטער (אסתר)	Эстер — героиня библейской книги «Эсфирь»
2	לייצים (לצים)	шуты
3	פּורים־שפּילער	актеры, разыгрывающие спектакль на празднике Пурим
4	עך	я
5	אָסער! (אסור)	хватит!
6	שאדכאָנים (שדכנים)	сваты
7	בסולעס (בתולות)	девушки

טריט. דער פעטער מאָרדכע גייט
מיטן שירעם[8] אין דער האנט,
זײַן שפּיציקער הויקער שאָטנט זיך
און שפּרינגט פון וואנט צו וואנט.

ער קראצט דאָס בערדל און ער זאָגט:
„נו, עסטערל, ביסט שוין גרייט?
ס'פּאַרט דיר קיין אײַנהאָרע[9], קינד,
דאָס בלויע סאמעט־קלייד.

דער מיילעך וועט פּייגערן[10] נאָך דיר,
אויסגיין נאָך דײַנע טריט,
ווי דו זעסט מיך לעבן, עסטערשי,
און ווי עך בין א ייִד.

נו, עסטער, מיטן רעכטן פוס!"...
זיי שארן זיך שטיל ארויס,
דער קליינער פעטער מיטן האָרב
און עסטערל, שלאנק און גרויס.

---

8 שירעם — зонтик
9 קיין אײַנהאָרע (קיין עין הרע) — чтобы не сглазить
10 פּייגערן (פגרן) — подыхать

פאַרוואָס מאָרדכע־האצאדיק[1] האָט געפונען כיין[2] באַם מײלעך

„ווער איז דאָס מיטן האָרב,
וואָס דרייט זיך אין מײלעכס טויער[3]
און ווי ס'ריידן און שושקען זיך צוויי,
שטעלט ער אונטער אן אויער?”

„אוי, ביסטו א נארעלע, קינד,
דאָס ווייסטו ניט אפילע?
מאָרדכע־האצאדיק איז דער ייִד,
דער ייִד פון דער מעגילע[4].

ער האָט געפונען באַם מײלעך כיין,
בא אונדזער מײלעך, דעם שויטע,
וואָס שיקערט קעסיידער טאָג און נאכט
און האָט א נאָז א רויטע”.

„פאַרוואָס זשע האָט ער געפונען כיין
בא אונדזער מײלעך, דעם שויטע,
וואָס שיקערט קעסיידער טאָג און נאכט
און האָט א נאָז א רויטע?”

„דערפאַר, ווײַל ר'האָט אמאָל באנאכט
אין טויער זיך אונטערגעהערט,
ווי ביגסאָן וואָטערעש[5] האָבן געזאָגט:
— מיר האָבן דעם מײלעך אין דר'ערד[6]!

---

1 מאָרדכע־האצאדיק (מרדכי הצדיק) — праведный Мордехай
2 געפונען כיין (חן) — понравиться *(кому-либо)*
3 מײלעכס (מלכס) טויער — ворота царского дворца
4 מעגילע (מגילה) — *зд.* свиток книги «Эсфирь»
5 ביגסאָן וואָטערעש (בגתן ותרש) — придворные персидского царя Ахашвероша, замышлявшие заговор против него
6 מיר האָבן דעם מײלעך אין דר'ערד! — наплевать нам на царя!

ער איז א טיראַן, א פינצטערלינג[7],
א רועך אין זײַן מאמען[8]!
לאָמיר אים שיטן אין בעכער סאם[9]
און לאָמיר אים פארסאמען".

אזוי האָבן ביידע אָפּגערעדט
און זײַנען צעגאנגען זיך שטילע
און מאָרדכע האָט דאָס געמאסערט[10] אלץ
מיטן ניגן פון דער מעגילע.

איז דער מיילעך געוואָרן אין קאס
און נישט געהייסן מאכן קיין שיִעס[11]
און הענגען די בונטארן די צוויי
אף צוויי באזונדערע טליִעס[12].

און צו מאָרדכע־האצאדיק האָט ער געזאָגט:
„דו מעגסט אין מײַן טויער האנדלען
מיט שנורעוואדלעס[13] און קאָשערער[14] זייף,
מיט פאסטא[15] און מיט מאנדלען[16]".

פארטראכט זיך דאָס קינד און די מאמע שווײַגט —
דער אָוונט איז בלוי ווי א טפילע —
און נאָר די פליגן אף דער וואנט
זשומען שטיל די מעגילע.

7	פינצטערלינג	мракобес
8	רועך (רוח) אין זײַן מאמען!	черт бы его побрал!
9	סאם (סם)	яд
10	געמאסערט (געמסרט)	донес
11	ניט מאכן קיין שיִעס (שהיות)	не задерживаться
12	טליִעס (תליות)	виселицы
13	שנורעוואדלעס	шнурки
14	קאָשערער (כשרער)	кошерный
15	פאסטא	*зд.* вакса
16	מאנדלען	миндаль

כ׳האָב זיך יאָרן געוואלגערט

כ׳האָב זיך יאָרן געוואלגערט אין דער פרעמד,
איצט פאָר איך זיך וואלגערן אינדערהיים.
מיט איין פאָר שיך, איין העמד אפן לײַב,
אין דער האנט דעם שטעקן. ווי קען איך זײַן אָן דעם?

כ׳וועל ניט קושן דײַן שטויב ווי יענער גרויסער פּאָעט,
כאָטש מײַן הארץ איז אויך פול מיט געזאנג און געוויין.
וואָס הייסט קושן דײַן שטויב? איך בין דײַן שטויב
און ווער קושט עס, איך בעט אײַך, זיך אליין?

כ׳וועל שטיין פארגאפט פאר דעם קינערעט[1] בלוי
אין מײַנע ביגדיי דאלעס[2] אָנגעטאָן,
א פארוואָלגלטער פּרינץ, וואָס האָט געפונען זײַן בלוי,
און בלוי איז זײַן כאָלעם פון טאָמיד אָן.

כ׳וועל ניט קושן דײַן בלוי, נאָר סטאם אזוי
ווי א שטילע שמוינע־עסרע[3] וועל איך שטיין —
וואָס הייסט קושן דײַן בלוי? איך בין דײַן בלוי
און ווער קושט עס, איך בעט אײַך, זיך אליין?

כ׳וועל שטיין פארטראכט פאר דײַן מידבער גרויס
און הערן די דוירעס־אלטע[4] קעמלטריט,
וואָס וויגן אף זייערע הויקערס איבערן זאמד
טוירע און סכוירע, און דאָס אלטע וואנדערליד,

וואָס ציטערט איבער די זאמדן הייס־צעגליט,
שטארבט אָפּ, דערמאָנט זיך און וויל קיינמאָל נישט פארגיין,
כ׳וועל ניט קושן דײַן זאמד, ניין און צען מאָל ניין.
וואָס הייסט קושן דײַן זאמד? איך בין דײַן זאמד
און ווער קושט עס, איך בעט אײַך, זיך אליין?

---

1 קינערעט (כנרת) — озеро Кинерет, Тивериадское
2 ביגדיי דאלעס (בגדי דלות) — одежды бедности
3 שמוינע־עסרע (שמונה־עשרה) — название молитвы
4 דוירעס־אלטע (דורות) — древний

МОЙШЕ НАДИР
(1885—1943)

Настоящее имя писателя — Ицхок Райз. Он родился в Восточной Галиции. В 1898 году отец перевез всю семью в США, где работал мелким разносчиком, семья жила в бедности. В ранней юности будущий писатель начал трудиться в швейных мастерских, после этого перепробовал профессии страхового агента, мойщика окон, разносчика. В 1902 году дебютировал в газете «Теглехер гералд» с короткими рассказами и стихами. В 1904 пробовал переселиться в Европу с мыслью, что жизнь имеет там «если не лучшее содержание, то хотя бы лучшую форму», однако вскоре вернулся в США. В 1910 стал одним из редакторов юмористического журнала «Дер

идишер газлен». Первая книга писателя вышла в 1915 году, уже под его псевдонимом — Мойше Надир. Он произвел впечатление своей оригинальной манерой — остроумием и склонностью к парадоксам.

В это время Надир сближается с литературной группой «Ди юнге» («Молодые»). Его популярность быстро растет, он становится сотрудником крупной нью-йоркской газеты «Дер тог», где печатает свои рассказы, заметки, лирико-философские миниатюры. Его язык отличается меткостью выражений, неологизмами.

Позднее Мойше Надир и его друг, знаменитый поэт Мойше-Лейб Гальперн, стали сотрудниками коммунистической газеты «Фрайхайт». В 1926 году он посетил Советский Союз, где ему был оказан восторженный прием. Он путешествовал по стране 9 месяцев и много выступал. В то же время он сохранял определенную независимость по отношению к коммунистической идеологии, сохранял верность идеалам художественной богемы. Он много писал — детские сказки, стихи, песни, повести, юмористические рассказы, фельетоны, драмы, острые полемические статьи. Его пьесы ставились нью-йоркскими еврейскими театрами. Он также много переводил на идиш с английского, французского, немецкого. Довольно много написано им по-английски. Однажды он сказал об этом: «Если мне нечего сказать, я пишу по-английски. Если есть — то на идиш».

В 30-е годы Надир постепенно отходит от коммунистических позиций и окончательно порывает с газетой «Морген-Фрайхайт» в 1939 году, после заключения договора между СССР и Германией.

Мойше Надир умер в США в 1943 году.

מ ו י ש ע נ א ד י ר

מײַן ערשטער דעפּאָזיט[1]

איך ווייס נישט, ווי־אַזוי דאָס איז געשען, ווי־אַזוי עס איז מיר גאָר אײַנגעפאלן אַזאַ געדאַנק צו נעמען מײַנע בלוטיקע געלטער[2] און זיי אָנטרויען אַ באַנק! אָבער עס איז געשען. מויצע־כאַנוקע[3] פון הײַנטיקן יאָר האָב איך גענומען מײַנע שווער פאַרהאָרעוועטע געלטער — מײַנע צוואַנציק דאָלאַר — און זיי אַוועקגעטראָגן אין באַנק אַרײַן, און אָנשטאָט געלט — לעבעדיק געלט[4], וואָס מע קען מיט דעם קויפן וואָס מע וויל, האָב איך געקראָגן עפּעס אַ גרין ביכעלע, צונויפגעלייגט אין אַ געל קאָנווערטל און — דאָס אַלץ.

אַזוי גיך ווי איך האָב געקראָגן ס׳ביכעלע, האָב איך אַ קוק געטאָן אינווייניק און... ס׳איז מיר פאַרקילט געוואָרן[5] ווי איך האָב געהאַט אַ טראָפּן בלוט[6]. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין געשריפטס? און ווי־אַזוי וועט ער עס קענען איבערלייענען? און פונוואַנען ווייסט ער, אַז עס שטייט צוואַנציק?..

„אײַ! — האָב איך געטראַכט, — עפּעס געפעלט מיר נישט דער גאַנצער אייסעק!..[7]" און איך בין צוגעלאָפן צום פענצ־

1 דעפּאָזיט	вклад в банке
4 בלוטיקע געלטער	кровные деньги
3 מויצע־כאַנוקע [מוצאי־חנוכה]	на исходе Хануки
4 לעבעדיק געלט	«живые» деньги, наличные
5 פאַרקילט געוואָרן	похолодело
6 ווי איך האָב געהאַט אַ טראָפּן בלוט	до последней капли крови
7 אייסעק [עסק]	дело

טערל, אוועקגעשטופּט דעם ייִדן, וואָס איז געשטאַנען אין ריי און אַרײַנגעשריגן צו דעם באָכערל דאָרטן אינווייניק: „היי!“ — האָב איך אים אַרײַנגעשריגן, — „איך האָב אײַך אָקאָרשט[8] אוועקגעגעבן צוואַנציק דאָלאַר!“

— וואָס זשע ווילט איר? — זאָגט צו מיר דאָס קאַסירערל און פֿאַרשניצט זיך[9] אַ בלײַפֿעדער.

— איך וויל, אַז דו זאָלסט נישט זײַן אַזאַ אַזעספּאָנעם[10]! — זאָג איך, — אַז נישט, כאַפּסטו...

זאָגט ער צו מיר: „מיסטער, וואָס ווילט איר? איך האָב אײַך געגעבן אַ ביכל? דאָצאָל[11]!“

— אָ, ניין! — זאָג איך, — איך וויל מיט דיר מער נישט ריידן, דו בלוטזויגער, — זאָג איך, — וואָס דו ביסט. איך זע שוין, — זאָג איך, — אַז איך בין אַרײַנגעפֿאַלן אין די ריכטיקע הענט. גיב מיר צוריק, — זאָג איך, — ס׳געלט און לאָמיר, — זאָג איך, — זײַן אויס מעכוטאָנים[12].

זאָלט ער צו מיר: „צימפּאַסיבל!“[13]

זאָג איך: „איך וועל דיר געבן אַ צימפּאַסיבל, שווינדלער, — זאָג איך. — מיט מיר, — זאָג איך, — וועסטו נישט מאַכן אַזעלכע שטיק. גיב אַהער די געלטער, — זאָג איך, — איידער איך רוף פּאָליציי און איידער, — זאָג איך, — איך שרײַ גוואַלד[14]. גוואַ־לד! — צעשרײַ איך זיך אַפֿן קאָל[15], — גוואַלד!

---

8 אָקאָרשט

9 פֿאַרשניצט זיך

10 אַזעספּאָנעם [עזות פּנים]

11 דאָצאָל

12 זײַן אויס מעכוטאָנים [מחותנים]

13 צימפּאַסיבל

14 איך שרײַ גוואַלד

15 אַפֿן קאָל [קול]

только что
точит себе
высокомерный, наглый
и это всё
и конец нашей дружбы
это невозможно
я кричу караул
во весь голос

דערהערט, אז איך שרײַ גוואלד, איז ער שוין געוואָרן א ביסל ווייכער, דער באָכער, און מיר גענומען געבן צו פארשטיין[16], אז איצט קען ער מיר נישט צוריקגעבן ס׳געלט, אז איך מוז ווארטן צוויי וואָכן. ס׳א געזעץ אזא.

זאָג איך: „אויב אזוי, טאָ לייענט מיר איבער, וואָס איר האָט ארײַנגעשריבן אין ביכעלע. לאָמיר זען, — זאָג איך, — צי איר ווייסט, וואָס איר האָט דאָרטן ארײַנגעשריבן. עפּעס, — זאָג איך, — האָט איר עס מיר געמאכט צו שנעל. עס גלייבט זיך מיר נישט, — זאָג איך, — אז מ׳זאָל אזוי גיך קענען פארשרײַבן אזויפיל געלט.

נעמט ער בא מיר צו ס׳ביכעלע און לייענט איבער: „צוואנציק דאָלאר".

זאָג איך: „אָלרײַט[17]. געדענקט זשע! ס׳איז צוואנציק דאָלאר. און זאָלן די ייִדן, — זאָג איך, — וואָס שטייען לעבן פענצטערל, זײַן אײדעס[18]. ייִדן, — זאָג איך, — זײַט אײדעס, אז איך האָב דאָ אין באנק צוויי קנאקנדיקע צענערלעך[19]!"

און איך גיי אהיים מיטן ביכעלע.

מיילע[20], פארשטייט זיך, פון שלאָפן איז שוין געווען אָפּגערעדט[21]. א גאנצע נאכט האָט זיך מיר געכאָלעמט, אז גאנאָווים[22] זײַנען באפאלן די באנק און האָבן צוגעגאנוועט ווי א פּעני[23]. עטלעכע מאָל דורך דער נאכט האָב איך זיך אופגעוועקט און געשריגן גוואלד און, אז עס איז געוואָרן

---

16 גענומען געבן צו פארשטיין — дал понять
17 אָלרײַט — хорошо
18 זײַט אײדעס [עדות] — будьте свидетелями
19 צוויי קנאקנדיקע צענערלעך — две хрустящие десятки
20 מיילע [מילא] — ну ладно
21 איז שוין געווען אָפּגערעדט — не было и речи
22 גאנאָווים [גנבים] — воры
23 ווי א פּעני — до последнего пенни

טאָג, האָב איך די ערשטע זאך געכאפט דעם אוטאָ און אוועקגעלאָפן צו דער באנק.

זי איז געווען גאנץ. א שטיין איז מיר אראָפ פון הארצן.

נאָר אזוי ווי איך בין געשטאנען בא דער באנק און באַ־טראכט דעם פענצטער, איז מיר אײַנגעפאלן, אז די גראטעס זײַנען צו שוואך און אז מ'דארף האָבן נײַע גראטעס. בין איך שוין אזוי געשטאנען מיטן לאָנטשקעסטל[24] אין האנט און געווארט ביז דער פרעזידענט פון באנק וועט אָנ־קומען. אז דער פרעזידענט איז אָנגעקומען, האָב איך אים געזאָגט, „אז ער מוז האָבן נײַע גראטעס פאר דער באנק און נאָך מײַן מיינונג, — זאָג איך, — איז דער גאנצער בי־ניען[25] א שוואכער און מע דארף אים איבערבויען. מע דארף זען, — זאָג איך, — אז דער גאנצער ביניען זאָל זײַן פון סאמע מירמלשטיין, ווײַל מירמלשטיין, — זאָג איך, — איז הארט". זאָגט ער צו מיר: „אָלרײַט. איך דאנק אײַך פאר דער אייצע[26]". זאָג איך: „געדענקט זשע, לעמאנהאשעם[27]! א נײַער ביניען פון מירמלשטיין! און נײַע גראטעס... איך בין עקסטרע געקומען צו לויפן פון בראָנזוויל[28], ווײַל עס האָט זיך מיר געכאָלעמט, אז מ'האָט אונדז באגאנוועט!"

און איך לויף אוועק צו דער ארבעט.

פארנאכט, אז איך דארף אהיימפאָרן, טראכט איך: „איכ'ל פארבײַגיין די באנק, זען, וואָס עס הערט זיך. מ'קען קיינמאָל נישט וויסן, — טראכט איך, — ס'אמעריקע!"

איך קום אזוי צו צו דער באנק און איך גיב א קוק, זע

---

24 לאָנטשקעסטל — коробка, в которой берут с собой завтрак

25 ביניען [בנין] — здание

26 אייצע [עצה] — совет

27 לעמאנהאשעם [למען השם] — ради бога

28 בראָנזוויל — название района

איך: עפּעס א ייִד פּליט ארויס פון באנק און — הייבט אָן לויפן. הייב איך אָן שרײַען גוואלד, און איך לויף אים נאָך אזוי לאנג, ביזוואנען א פּאָליציאנט האָט אים אָפּגעשטעלט. און וואָס, מיינט איר, האָט זיך ארויסגעוויזן? עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער ייִד ארבעט אין באנק און אז ער איז געלאָפן כאפּן א טראמווײַ[29], ווײַל דאָס ווײַב גייט אים צו קינד מיט א מיידעלע[30], האָב איך מיך א ביסעלע פארשעמט און אהיימגעפאָרן. אָבער שלאָפן האָב איך ווידער נישט געקענט. א גאנצע נאכט האָט זיך מיר געכאָלעמט, אז דאָס קאסירערל, וואָס האָט מיר געגעבן ס׳ביכל, האלט אין דער האנט א זעקל מיט געלט און לויפט. און איך נאָך אים... און איך האָב ווידער עטלעכע מאָל געשריגן גוואלד פון שלאָף...

צומאָרגנס גאנץ פרי בין איך אוועק צו א לאנדסמאן, וואָס וווינט אנטקעגן דער באנק און איך האָב אים צוגעזאָגט דרײַסיק פּראָצענט פון דעם פארלוסט, אבי ער זאָל האלטן אן אויג[31] אף דער באנק און ער זאָל זי וואטשן[32]. „וואטש, — האָב איך אים געבעטן, — זיץ און וואטש! לאָז נישט אראָפּ, — זאָג איך, — אן אויג פון דער באנק, און אזוי גיך, — זאָג איך, — ווי גאָט וועט מיר העלפן און די צוויי וואָכן וועלן בעשאָלעם[33] אריבער, כאפּ איך גלײַך ארויס, — זאָג איך, — די צוואנציק דאָלאר און זאָלן זיך, — זאָג איך, — אָנצינדן אלע בענק!“

דערווײַל גייען אוועק נאָך צוויי טעג, לייען איך אין די צײַטונגען, אז מ׳האָט באגאנוועט א באנק, ערגעץ אין די

29 כאפּן א טראמווײַ — вскочить в трамвай
30 גייט אים צו קינד מיט א מיידעלע — рожает девочку
31 האלטן אן אויג — следить, присматривать
32 וואטשן — следить
33 בעשאָלעם [בשלום] — спокойно

בראָנקס[34]. לויף איך אוועק צום פּרעזידענט פון מײַן באַנק און זאָג אים: „ס'איז ביטער!" — זאָגט ער צו מיר: „וואָס איז דער מער[35]?" — זאָג איך: „מע גאַנוועט!" — זאָגט ער: „בא מיר וועט מען נישט גאַנוועַנען!" — זאָג איך: „נו, און וואָס טוט איר, לעמאָשל[36], אַז אַ ײַער קאַסירערל כאַפּט צו דאָס געלט און אַנטלויפט?" — זאָגט ער: „מיסטער, איר ווייסט נישט וואָס איר רעדט!" — זאָג איך: „נו, מיילע, ווייס איך נישט וואָס איך רעד... אָבער נײַע גראַטעס האָט איר געמאַכט?" — זאָגט ער: „נײַן". — זאָג איך: „נו, און דעם בייניען האָט איר איבערגעבויט, צי אויך נישט?" — זאָגט ער: „ביטע, הערט אויף צו באַרעדן[37]". — זאָג איך: „אויב איר האָט נישט געמאַכט קיין נײַע גראַטעס און דעם ביניען האָט איר אויך נישט איבערגעבויט, און דאָס שיינע קאַסירערל אײַערס האָט איר נישט אָפּגעשאַפט, טאָ גיט זשע מיר אַהער, — זאָג איך, — די געלטער!" — זאָגט ער: „איר מוזט וואַרטן ביזוואַנען עס וועלן זײַן פולע צוויי וואָכן". — זאָג איך: „אָלרײַט. איך וועל וואַרטן. אָבער איר ווייסט ווו איך וועל וואַרטן? אָט דאָ אין דרויסן, פאַר דער באַנק וועל איך וואַרטן. איך זאָל אפילע וויסן, אַז מײַנע קינדער וועלן בלײַבן אָן אַ טאַטן, וועל איך זיך נישט רירן פונדאַנען ביז איך וועל נישט האָבן צוריק דאָס געלט. איך וועל נישט איבערלאָזן, — זאָג איך, — די באַנק אַף העפקער[38]. איך, — זאָג איך, — וועל וואַטשן און מײַן לאַנדסמאַן, וואָס וווינט אַנטקעגן, וועט אויך וואַטשן. עס וועט זיך, — זאָג איך, —

34 בראָנקס	Бронкс, р-н Нью-Йорка
35 וואָס איז דער מער?	что тебе ещё? В чём дело?
36 לעמאָשל [למשל]	например
37 באַרעדן	наговаривать
38 איבערלאָזן אַף העפקער [הפקר]	оставлять без присмотра

טאָן זיך כּוישער[39]! אָט אזא מין ייִד בין איך! איך וועל דאָ שטיין אין דרויסן, — זאָג איך, — אין די גרעסטע פרעסט, און לאָמיר זען, — זאָג איך, — טוט מיר עפּעס!"

זאָגט ער צו מיר: „איר זײַט א מאָדנער[40] ייִד, קומט אראָפּ[41] מיט מיר אונטן אין באנק, וועל איך הייסן אײַך אויסצאָלן, — זאָגט ער, — אײַערע צוואנציק דאָלאר". — זאָג איך: „ניין! אזעלכע מאָנקי־ביזנעס[42] גייען בא מיר נישט. און ווײַל, — זאָג איך, — איר ווילט מיר צוריקגעבן דאָס געלט, וויל איך עס דאפקע[43] נישט נעמען". — זאָגט ער: „אָלרײַט, נעמט נישט ארויס דאָס געלט". — זאָג איך: „נעווערמײַן[44] „נעמט נישט ארויס דאָס געלט". „אז איך וועל וועלן, וועל איך ארויסנעמען". — זאָגט ער: „ביטע, גייט ארויס און הערט אוף נודיען". — זאָג איך: „אָלרײַט, איך גיי, אָבער איך וועל שטיין אין דרויסן. אין די גרעסטע פרעסט וועל איך שטיין אין דרויסן און וואטשן מײַנע געלטער. און מײַן אומשולדיק בלוט, — זאָג איך, — און דאָס בלוט פון מײַנע אומשולדיקע יעסוימים[45] וועט פאלן, — זאָג איך, — אף אײַערע קעפּ. באנדיט, — זאָג איך, — די עלעקטרישע שטול, — זאָג איך, — איז פאר אײַך ווייניק... מערדער! גוואַ־לד!" און איך הייב אָן צו שרײַען מיט אלע קויכעס[46].

דער סאָף[47] איז געווען, אז מ׳האָט מיר אָפּגעגעבן די

---

39 עס טוט זיך כּוישעך [חושך] — творится кошмар
40 מאָדנער — странный
41 קומט אראָפּ — давайте спустимся
42 מאָנקי־ביזנעס — жульничество, хитрость
43 דאפקע [דווקא] — именно, как раз
44 נעווערמײַן — не важно
45 יעסוימים [יתומים] — сироты
46 קויכעס [כוחות] — силы
47 סאָף [סוף] — конец

צוואַנציק דאָלאַר און, אַהיימגייענדיק פון באַנק, האָט מען זיי באַ מיר אַרויסגעגאַנוועט פון קעשענע...

און פון דעמלט אָן (אַזוי ענדיקט דער ייִד, וואָס דערציילט די דאָזיקע געשיכטע), פון דעמלט אָן האָב איך זיך געגעבן אַ שוווּע[48], אַז מײַן פוס וועט נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון אַ באַנק. ס'איז באַנדיטן, קעשענע־גאַנאָווים! זאָלן זיי זיך אָנצינדן!

---

48 שוווּע [שבועה] клятва

אַ נײַער בוך וועגן דער ייִדישער פּאָעזיע אין אַמעריקע

Ruth Wisse,

A Little Love in Big Manhattan:
Two Yiddish Poets. Cambridge:
Harvard University Press, 1988.

(רות ווײַס. אַ קלײנע ליבע אין גרויס מאַנהאַטן: צוויי ייִדישע דיכטער).

די קאַנאַדער פֿאָרשערן דערציילט אין איר בוך וועגן דעם לעבן און די ווערק פון צוויי באַוווּסטע אַמעריקאַנישע ייִדישע דיכטער — מאַני לייב און מוישע־לייב האַלפּערן. געשריבן אויפן סמך פון אַרכיוו־מאַטעריאַלן און זיכרוינעס פון די מיטצײַטלער, ווײַזט דער בוך אַ ברייטע פּאַנאָראַם פונעם ייִדישן קולטור־לעבן אין פּשאַ אין דער ערשטער העלפט פונעם 20־טן יאָרהונדערט. מאַני לייב און מוישע־לייב האַלפּערן זײַנען געווען פון די סאַמע אינטערעסאַנטע פּאָעטן אין דער ליטעראַרישער פּאַריינוקונג „די יונגע". אינעם בוך ווערן פּראָטימדיק באַהאַנדלט זייערע ביאָגראַפיעס און אַנאַליזירט זייערע שאַפונגען.

מענדעלע מוכר־ספֿרים

דאָס קעלבל

א

ווינטער אמאָל, גאנצפֿרי, אז איך בין געלעגן אײַנגענורעט[1] אונטער דער קאָלדרע[2], פֿארשלאָפֿן, נאָך ניט בעדייע[3] האָבנדיק אופֿשטיין, גיין אין כיידער[4], דערפֿיל איך, ווי מע וועקט מיך, טאָרעט[5] מיך אין איין געשריי:

— גיכער שטיי אויף, גיכער, גיכער!

איך טו מיך ניט טויט, ניט לעבעדיק א כאַפּ אויף און דערזע פֿאר מיר מײַן שוועסטער, א מיידל פֿון אן יאָר צוועלף. דאָס פּענעמל[6] שײַנט איר, די אייגעלעך פֿינקלען עפּעס מיט א גלאנץ גאָר מעשונע[7], דאָס מײַלכל[8] האלב אָפֿן, אף די ליפּעלעך עפּעס א פֿארגליווערט[9] מין שמייכעלע. זי וויל עפּעס זאָגן און קאָן נישט, אזוי פֿארנעמט איר דעם אָטעם, נאָר וואָס זי שטרעקט אויס, ווארגנדיק זיך, דאָס הענטל, טײַטנדיק[10] אף עפּעס דאָרט אין דער מיט שטוב:

1	אײַנגענורעט	уткнувшись
2	קאָלדרע	одеяло
3	האָבן בעדייע [בדעה]	иметь в виду, намереваться
4	כיידער [חדר]	хедер, начальная религиозная школа
5	טאָרען	дергать, толкать
6	פּענעמל [פּנימל]	личико
7	מעשונע [משונה]	странно
8	מײַלכל	ротик
9	פֿארגליווערט	оцепенелый, застывший
10	טײַטנדיק	указывая

— אָ־אָ!

איך גיב אַ קוק — אוי, גוואַלד, אַ קעלבל!

און אַזויווי איך בין באָרוועס, נאַקעט, אין איין העמדל, האַלטנדיק איין האַנט אויפֿן קאָפּ, קיין צײַט ניט האָבנדיק אויסזוכן און אָנטאָן דאָס יאַרמעלקעלע, טו איך אַ שפּרונג אַראָפּ פֿונעם געלעגער געשווינד צו אים. די פֿרייד מיט מיר איז געווען אַזוי גרויס, גלײַך ווי די וועלט איז מײַנע, גלײַך ווי אַלצדינג אין איר פֿילט מײַן סימכע[11]. עפּעס לײַכט די זון גאָר אַנדערש, עפּעס איז דער פֿרימאָרגן מילדער, פֿרײַנטלעכער ווי טאָמיד[12], עפּעס פֿילט זיך אומעטום אין דער לופֿט יאָמטעוודיקס[13], פֿול און פֿול מיט קעלבל. אַלצדינג שמייכלט, זאָגט: גוט־יאָמטעוו[14], מאַזלטאָוו[15] דיר מיטן קעלבל!..

איך זעץ מיך אויף די קני:עלעך[16], אַ ביסל פֿונדערווײַטנס[17] און באַטראַכט מיר דאָס קעלבל. אַ שיינס, אַ רויט מאַרע[18] געלכל, אויפֿן שטערן אַ ווײַסער פֿלעק, ווי אַ זילבערנע קאָקאַרדע, גאָר אַ גאַטס ווונדער!

וואָס ווײַטער, ווײַטער גיב איך מיך אַ רוק אונטער, באַקענענדיק זיך מיט אים נעענטער; וואָס ווײַטער, ווײַטער גיב איך עס אַ גלעט, דאָ אַ טאַפּ, דאָרט מיט אַ פֿינגער, אַרײַנקוקנדיק אים בעשאַסמײַסע[19] אין די אויגן, ביז איך ווער דערמיט שוין אַ נאָענטער שמעלקע און לאָז אים אַראָפּ

11 סימכע [שמחה] радость; торжество

12 טאָמיד [תמיד] всегда

13 יאָמטעוודיקס [יומטובדיקס] праздничное

14 גוט־יאָמטעוו [יומטוב] с праздником

15 מאַזלטאָוו [מזל טוב] поздравляю

16 קני:עלעך коленки

17 פֿונדערווײַטנס издалека

18 מאַרע [מראה] масть

19 בעשאַסמײַסע [בשעת מעשה] *зд.* тем временем

א גראָבן „שאָלעם־אַלייכעם״[20], אזוי טאקע מיט דער גאנצער האנט, מיט אלע פינף פינגער.

דאָס קעלבל האָט, אפּאָנעם, נאָך ניט געוווסט דעם טײַטש פונעם „שאָלעם־אַלייכעם״, וואָרעם עס האָט זיך עפּעס געפילט ווי באליידיקט, און צונויפנעמענדיק זיך מיט אלע קרעפטן, געפּרוווט אופשטיין. פריִער האָט עס אָנגעהויבן הינטן־ארום, פּאמעלעכן, פּאמעלעכן, זיך געשטעלט אף די הינטערשטע פיסלעך, בלײַבנדיק אָנגעשפּארט אף די קני פון די פּאָדערשטע, וואָס נאָך פארלייגט אונטער זיך. שפּעטער א ביסל האָט זיך עס שוין געשטעלט אף אלע פיר פיס, וואָס האָבן זיך געשאָקלט ווי פיסלעך פון א צעשאָטענעם טיש. אזוי איז עס, שאָקלענדיק[21] זיך אומגעלומפּערט[22], אויסשטעלנדיק א פּאָר קעלבערנע אויגן, א היפּשע ווײַלע געשטאנען — און פּלוצעם פארײַסט עס דעם וויידל[23] און גאלאָפּ, גאלאָפּ איבער דער שטוב.

עס ווערט א ראש[24], א געפילדער. עס פאלט אום די מילכיקע באנק מיטן צעבראָכן פיסל, עס דערשרעקן זיך די הינער, פליִען מעשוגענערווײַז[25] איבער טיש און בענק, צעברעכן א גלעזל, קערן איבער עפּעס א שיסל. די מאמע בא דער קימפּעטאָרן[26], בא דער בעהיימע[27] הייסט עס, דאָרט אין הויז, דערהערט דעם טאראראם, דעם הארמי־

---

20 שאָלעם־אַלייכעם [שלום עליכם] — здравствуйте (*букв.* «мир вам»)
21 שאָקלענדיק — качаясь
22 אומגעלומפּערט — неуклюже
23 וויידל — хвост
24 ראש [רעש] — шум
25 מעשוגענערווײַז [משוגע נערווײַז] — безумно
26 קימפּעטאָרן — роженица
27 בעהיימע [בהמה] — корова

דער[28], לויפט אין איין אָטעם אַרײַן אין שטוב שטאַרק אופגעבראַכט און לאָזט אויס איר צאָרן צו מײַן קאָפּ.

אוי, א טאָג האָב איך עס געהאַט דערמלט, א טאָג פון פּעטש און קלעפּ אינדערהיים, אין כיידער, געלייזט געװוּג!

אַוועקגעגאַנגען פון דער היים אין כיידער בין איך מיט א קאָפּ פול מיט קעלבל. װעמען איך האָב באַגעגנט אפן וועג, האָב איך אָנגעזאָגט די בסורע[29]: אונדזער קו האָט געהאַט א קעלבל! פּאַר איטלעכן פון מײַנע באַקאַנטע ייִנגלעך האָב איך אָפּגעלויבט אין טאָג אַרײַן דאָס קעלבל, אונטערשמייכלענדיק דערבײַ פאַר גרויס האַנאָע[30], ווי א באַלסימכע[31], געמיינט דערמיט — העט־העט! לאָזן זיי מיר מעקאַנע זײַן[32]! וועמען מיר האָט געטויגט, האָב איך צוגעזאָגט ווײַזן אים דאָס קעלבל, אײַניינעם מיט מיר זיך דערמיט א ביסל אָנשפּילן. בא איינעם אַפילע האָב איך גענומען פאַרויס א פּאָר יאַוואָנישע מעשענע קנעפּ[33] מיט אָדלערס און א לעדער־בײַטעלע[34], שווערנדיק אים „ווי איך בין א ייִד"!, אַז דער קאָוועד[35] פאָרן רײַטנדיק[36] צום ערשטן אפן קעלבל געהער אים.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַר גרויס סימכע און אַזויפיל

---

28 הארמידער — шум, гам

29 בסורע [בשורה] — новость

30 האנאָע [הנאה] — удовольствие

31 באלסימכע [בעל־שמחה] — виновник торжества

32 מעקאנע [מקנא] זײַן — завидовать

33 יאוואָנישע [יונישע] מעשענע קנעפּ — солдатские медные пуговицы

34 לעדער־בײַטעלע — кожаный кошелечек

35 קאָוועד [כבוד] — почёт, уважение

36 פאָרן רײַטנדיק — ехать верхом

געשעפטן האָב איך פארשפעטיקט קומען אין כיידער און געכאפט א מיאוסן[37] פסאק[38].

נאָר פעטש זײַנען פעטש, און קעלבל איז קעלבל. די געמאָרע[39] ליגט פאר מיר אָפן, און עס קוקט ארויס פון דאָרט, עס דרייט זיך מיר פאר די אויגן — קעלבל. עס קריכט מיר אין קאָפּ א מאָרדעטשקע, א שיינס, א געטאָקטס, אויערלעך קליינינטשקע, אופגעשטעלטע, א קעפּעלע, א עלדזועלע. דער רעבע[40] קנעלט[41], מריקעט[42] מיט א געמאָרע־ניגן[43], און מיר אין די אויערן מעקעט[44] די קו נאָכן קעלבל. דער רעבע טוט זיך א הייב פונעם בענקל — דאָס קעלבל א הייב אף די פיסלעך; דער רעבע שטרעקט אויס די האנט — דעם קעלבל פארגייסט זיך דאָס עקל: האָץ־האָץ־האָץ — און עס פליט א פּאטש! דער רעבע איז בייז, פרעגט ווו איך האלט[45]. איך האלט מיך בא דער באק[46].

קומענדיק אהיים, איז די ערשטע זאך מײַנע געווען — קעלבל. שטיל, אף די שפּיץ פינגער האָב איך בישטיקע[47] זיך צוגעגאנוועט[48] צום קעלבל. די מאמע האָט עס פאר־

37	מיעס [מיאוס]	противный, отвратительно
38	פסאק [פסק]	выговор
39	געמאָרע [גמרא]	гемора, часть Талмуда
40	רעבע [רבי]	ребе, учитель
41	קנעלן	преподавать
42	מריקעט	мычит
43	געמאָרע־ניגן	мотив, на который, нараспев, читают гемору
44	מעקעט	мычит
45	פרעגט ווו איך האלט	спрашивает, где я остановился
46	איך האלט מיך בא דער באק	я держусь за щеку (игра со словом
47	בישטיקע [בשתיקה]	втихаря
48	צוגעגאנוועט [צוגעגנבעט]	подобрался, прокрался

שטופּט אין אַ ווינקעלע פאַר אַ גוט־אויג, מע זאָל אים קיין אײַנהאָרע[49] ניט געבן. אָנגעהויבן האָט זיך בײַ מיר, ווי דער שטייגער איז, פריִער אַ קוק, אַן עסן פאַר ליבשאַפט מיט די אויגן. אין אַ ווײַלע אַרום שוין אַ גלעט[50], אַ טאַפּ[51], דערנאָך אַ האַלדזן, אַן אַרומנעמען נעפעש אַכעס[52], און לעסאָף[53] שוין גראָבלעך אַ קוועטש[54], און מײַן קעלבל טוט אַ שפּרונג אַהין־אַהער איבער דער שטוב, ווערט עס אַן איבערקערעניש[55], סדאָם־וועאַמאָרע[56], און עס רעגנט אויף מיר פעך און שוועבל, פײַערדיקע פעטש הייסט עס, גאָר אַ שרעק!

די ליבע צום קעלבל איז בײַ מיר געוואַקסן מיט יעדן טאָג און גלײַך מיט איר די יעסורים[57], האַרצווייטיק מײַנער, וואָס זי האָט מיר אָנגעמאַכט. מײַן קינדיש הערצל איז פאַרלאָפן מיט בלוט, האָט ניט געקאָנט רויִק אָן פאַרדראָס האָרכן דעם שמועס[58] וועגן קעלבל, ווי מע וויל עס, נעבעך, קוילען, ווי מע דינגט זיך מיט דעם קאַצעוו[59]. עס שטייט זיך, קוקט, קוקט אַזוי גוט, היימיש, לעקט דער מאַמעס האַנט אַזוי ליבלעך־פרײַנטלעך, און דאָ שאַצט מען אָפּ די

49	קיין אײַנהאָרע [עין־הרע]	чтоб не сглазить
50	גלעט	поглаживание
51	טאַפּ	*букв.* пощупывание
52	נעפעש אַכעס [נפש אכת]	крепко обнять
53	לעסאָף [לסוף]	наконец
54	גראָבלעך אַ קוועטש	грубый нажим
55	איבערקערעניש	беспорядок
56	סדאָם־וועאַמאָרע [סדום־ועמורע]	Содом и Гоморра
57	יעסורים [יסורים]	мучения
58	שמועס	разговор
59	קאַצעוו [קצב]	мясник

ווערט פון זײַן לעקער, פון זײַן צינגל! ס׳איז טאקע א גוואלד, א רעציכע[60]!

עס האָט מיר ווי געטאָן דאָס הארץ אפן קעלבל: גוואלד, א ראכמאָנעס[61]! עס האָט מיך פארדראָסן: גוואלד, וואָס וויל מען האָבן פון זײַן לעבן!

איך בין ארומגעגאנגען צעקאָכט[62], ווינד־און־ווי איז מיר געווען פון ביידע זײַטן: כ׳האָב מיך געשעמט קוקן דעם קעלבל און דער מאמען, לעהאוודל[63], אין די אויגן.

ווער ווייסט, צו וואָס דאָס וואָלט געפירט, ווען עס זאָל זיך ניט געווען אונטערוקן פלוצעם אזוינס, אף וואָס מע האָט זיך קלאל[64] ניט געריכט.

ב

ס׳איז א ווינטער־נאכט. א פראָסט מיט א ווינט. א פראָסט א ברענענדיקער, א ווינט א שטורעמדיקער, עס בלאָזט, פײַפט, ריפּ־סקריפּ, ווי אף א כאסענע[65] פון טויזנטער רוכעס[66]; עס שפּרינגען, טאנצן זײַלן שניי, דרייענדיק זיך מעשוגענערווײַז איבער די גאסן. עס קנאקן, טראסקען דעכער, עס הוליעט, ווייעט אין די קוימענס און עס זשומען, צימבלען שויבן אין די פענצטער.

אף דער גאס קיין לעבעדיק באשעפעניש, ניט איין

60 רעציכע [רציחה] — злодейство
61 ראכמאָנעס [רחמנות] — жалко
62 צעקאָכט — *зд.* разгневанный
63 לעהאוודל [להבדיל] — не будь рядом помянут
64 קלאל [כלל] — вообще
65 כאסענע [חתונה] — свадьба
66 רוכעס [רוחות] — дýхи

יידישע בעהיימע, אלע ווי אויסגעראמט[67]. און וועלכע זײַנען פארבליבן דאָ, ליגן באגראָבן, אז אָד־און־ווײ צו זיי, טיף איבער די אויערן אין שניי.

אונדזער בעהיימע, עפּעס נאָך, מישטיינס־געזאָגט[68], א שטיקל קימפּעטאָרן, האָט אונטערגענעכטיקט אין דעם פּינצטערן הויז, אין נעץ און שמוץ, ווו עס בלאָזט פון אויבן, פון אונטן, פון אלע זײַטן, ווו ס'איז אומצוקומען פאר קעלט. און וואָס טוט א בעהיימע? א בעהיימע מאלעגיירעט, כאַ־זערט, קײַט איבער[69] אלץ פריערדיקע, שוין האלב פארדײַעטע[70], פוילע, נימעס־אומאָוועט[71] געוואָרענע זאכן, אז נײַע שפּײַז פאר זיך האָט זי דאָך מאקעס[72] — און באַם איבערקײַען קײַכט זי, לאָזט זי שטילע זיפצן. די זיפצן[73] צעגייען זיך ווײַט ארום און לאָזן זיך פילן אויך אין שטוב.

אף מאָרגן גאנצפרי האָט מיך אופגעוועקט פונעם שלאָף א ביטער געשריי, א יאָמער, א קלאָג, ווי מע באוויינט א טויטן.

דאָס וויינט, שרײַט די מאמע.

וואָס איז? געפּייגערט[74] די בעהיימע! אין שטוב הערשט א טרויער. אלע שטייען פארומערט, ווײַבער, שכיינעס[75] אויך אינדערמיט. די מאמע איז מאספיד[76] פאר זיי די בע־

---

67 אויסגעראמט — как-будто вымерло
68 מישטיינס־געזאָגט — с позволения сказать
69 קײַט איבער — пережевывает
70 פארדײַעטע — переваренный
71 נימעס־אומאָוועס — надоевшие
72 מאקעס [מכות] — болячки
73 זיפצן — вздохи
74 געפּייגערט [געפגרט] — умерла
75 שכיינעס [שחנות] — соседки
76 מאספיד [מספיד] זײַן — оплакивать

היימע, דערציילט אירע שוואָכים[77], איר קעז און פּוטער, נאָך מײַלעס[78] אַזעלכע, אַלדאָס גוטס, פון וועלכע איך האָב פריִער גאָר ניט געוווּסט.

— הערט א מײַסע, — זאָגט זי מיט א וויינענדיקן ניגן, — הײַנט גאַנצפרי אָט די טיר אָט־אָ, פון דער שטוב אין דעם הויז, עפן איך. גיי איך ווי א באַלעבאָסטע[79] מעלקן פרי אַרײַן. דאָס מעלקשעפל אין דער האַנט, שטרוי צום פרעסן האָט דער באַקאַנטער גאָי[80] נאָך ניט געבראַכט — פאַרגעסן. א פּראָסט — א שרעק. צײַט מעלקן. רוף איך: מאַין־מאַין־מאַין! זי רופט זיך ניט אָפּ. גיי איך שוין צו נאָענט, איך גיב א קוק — אוי, א דונער האָט מיך ניט דער־שלאָגן, זי איז טויט! גאָר פּלוצעם, ערשט נאָכן קעלבן זיך, פּייגערט עס א בעהיימע!..

און אינדערמיט העספּעד[81] פליט אַרײַן פונעם אַלקערל דאָס קעלבל, האָץ־האָץ מיט א פּאַריסענעם[82] ווײדל, א פאַר־וואָרפן קעפּל, „מע־מע" אין איין קאָל[83], דאָס האַרץ רײַסט בא איטלעכן אין שטוב, קוקנדיק אף דער יעסוימע[84], נע־בעך. אַלע פאַרשטייען דעם טײַטש פון „מע", וואָס דאָס באַטײַט. דאָס מעקעט עס, נעבעך, נאָך דער ברוסט, עס וויל עסן. דאָס מעקעט עס, בעט זיך צו דער מאַמען, זי זאָל עס

---

77 שוואָכים [שבחים] — восхваления

78 מײַלעס [מעלות] — достоинства

79 באַלעבאָסטע [בעל־הביתטע] — хозяйка

80 גאָי [גוי] — нееврей

81 העספּעד [הספד] — оплакивание

82 פּאַריסענער — задранный

83 קאָל [קול] — голос

84 יעסוימע [יתומה] — сирота

אויסצוואָגן[85], אָפּלעקן[86] מיט דער צונג. ווײַבער, שכיינעס ווישן די נעז, די אויגן, מאכן פּיסקעלעך[87], און די ליפּעלעך זייערע רירן זיך, גרייט צום רעדן. איינע פון זיי, א ווויל־קענעדיקע, וואָס שיט אין די רייד ווערטער פון די הייליקע כאכאָמים[88], פאַרכאַפּט זיך פריִער און צעלאָזט זיך אין א שמועס:

— דער, וואָס לעבט אייביק, באָרעך הו ווּעוּבאָרעך שמוי[89], — הייבט זי אָן אף טכינע־לאָשן[90], צונויפשנירנדיק די ליפּעלעך און קנייטשנדיק א פרום פּענעמל, — דער אַל־מעכטיקער, ער איז גערעכט און זײַן מישפּעט[91] איז גערעכט! לאָז זי, די בעהיימע, זײַן א קאָרבן־אוילע[92], מעכאַפּער זײַן[93], רייניקן, ווי די פּאָרע־אדומע[94], אײַך און קאָל ייִסראָעל[95] פון אלע אומרייניקײַטן און פון אלע אומווירדיקײַטן. מײַן אייצע־טויווע[96] וואָלט געווען — דאָס קעלבל, די פרוכט פון איר מוטער־לײַב, זאָל בלײַבן לעבן. זאָל עס בא אײַך זיך האָדעווען, און דער, וואָס שפּײַזט פונעם קליין ווערעמל ביז דעם ווילדן טיר, וועט העלפן עס צו שפּײַזן אמאָל

85	אויסצוואָגן	вымыть
86	אָפּלעקן	слизывать, облизывать
87	מאכן פּיסקעלעך	делают гримасы
88	כאכאָמים [חכמים]	мудрецы
89	באָרעך הו ווּעוּבאָרעך שמוי [ברוך הוא וברוך שמו]	благословен Он и благословенно имя Его
90	טכינע־לאָשן [תחינה־לשון]	язык молитв
91	מישפּעט [משפט]	суд
92	קאָרבן־אוילע [קרבן־עולה]	жертва
93	מעכאַפּער זײַן [מכפר]	искупить
94	פּאָרע־אדומע [פרה־אדומה]	*зд.* искупительная жертва
95	קאָל ייִסראָעל [כל ישראל]	весь еврейский народ
96	אייצע־טויווע [עצה־טובה]	добрый совет

מיט שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, אמאָל מיט א ביסל קליַיען[97], דאָס א ביסל, יענץ א ביסל. וואָס קאָן עס זיך אָנזען אין באַלעבאַטישקייט א קעלבל?

אלע ווייבער באסעוועוען צו[98]. די מאמע לאָזט זיך איינ־רעדן. דאָס קעלבל בלייבט לעבן — און מיר פאַלט אראָפּ א שטיין פונעם הארצן. די מייסע[99] מיט דער בעהיימע, איר אומגעוויינלעכער טויט האָט אָנגעמאכט א ראַש[100] אין שטעטל. לייט זיינען געקומען אף כידושים[101] אָנקוקן דאָס קעלבל.

ג

שטאַרק געבענקט די ערשטע צייט האָט דאָס קעלבל, נעבעך, נאָך דער ברוסט. מ'האָט עס געשטילט אמאָל מיט א לעמעשקע פון קאָרענע קליַיען, אמאָל מיט ברויט א שטיקל — מיט א הויפן היי. צייַנדלעך האָט עס געהאַט אכט פּאָדערשטע, שיינע, ווייסע, נאָך באַם געבוירן ווערן. איך האָב זיי אליין געציילט. עס האָט געגעסן און דאָך אָפּט אונ־טערגעמריקעט[102]. עס האָט אַלץ געסמאַרעט מיט דער נאָז[103], געזוכט, געשמעקט, און וואָס נאָר אים צום מויל

97	קליַיען	отруби
98	באסעוועוען צו	сказать басом
99	מייסע	зд. история
100	ראַש [רעש]	шум
101	אף כידושים [חידושים]	зд. подивиться
102	אונטערגעמריקעט	зд. сопровождал мычанием
103	געסמאַרעט מיט דער נאָז	шмыгал носом

געקומען, א האנטעך, א טישטעך, א זאָק, האָט עס געקײַט. א היטל, א יארמעלקע — אויך סכוירע[104]. אײנמאָל האָט עס שיר זיך ניט דערוואָרגן מיט א טשאָלנט־שמאטע[105]. א נעס[106], וואָס מ'האָט זיך באצײַטנס ארומגעקוקט, גראָד באדארפט גיכער פארוקן דעם טשאָלנט. און אויב מ'איז פון אים דאָס אלצדינג אויסגעשטאנען, ניט זײַנער פּאָטער[107] צו ווערן, איז דאָס געווען אינעם זכוס[108] פון דער מאמען זײַנער, זאָל זיך דאָרט מײַען.

איך אײנער האָב עס עמעס[109] טאקע ליב געהאט טיף פונעם הארצן, עס שטארק באדויערט; א ראכמאָנעס, ס'איז, נעבעך, עלנט, א יאָסעם!.. האָט מען עס אמאָל באלײדיקט מיט א קלאפּ, מיט א זעץ, פלעג איך מיך ארויסשטעלן, זיך אָנעמען קעלבלס קריוודע[110] און געכאפּט דערפאר דאָס מײַניקע. אָט דאָס האָט מיך נאָך מער צוגעצויגן צום קעלבל, דערפאר, וואָס מע איז אנטקעגן אונדז בײדע געווען גראָב אומגערעכט, וואָס מיר בײדע האָבן געליטן פון אנדערע, שטארקערע פון אונדז, גאָר אומזיסט.

און, אפּאָנעם[111], באם קעלבל בין איך אויך טאקע געווען א שטיקל כאָשעוו[112]. וואָרעם עס פלעגט זיך לאָזן גלעטן פון מיר באם קעפּל, אָנעמען בא די אויערלעך, קוקנ־

104	סכוירע [סחורה]	товар
105	טשאָלנט־שמאטע	кусок материи, которым закрывали печь, где стояла приготовленная заранее еда на субботу
106	נעס [נס]	чудо
107	פּאָטער [פטור]	избавляться
108	אינעם זכוס [זכות]	ради, для
109	עמעס [אמת]	действительно
110	קריוודע	обида
111	אפּאָנעם [אפנים]	видимо
112	כאָשעוו [חשוב]	близким

דיק דערבײַ צו מיר מיט א פּאָר אומעטיקע אויגן, לעקנדיק מיך פרײַנטלעך, גלײַך ווי עס וואָלט זיך פאר מיר עפּעס געקלאָגט, געוואָלט עפּעס זאָגן. איך, ווידער, האָב עס, דאכט זיך, פארשטאנען, געפילט, וואָס אים אף דער לונג, וואָס לעקט עס מיך מיט דער צונג.

ס׳איז נאָך פּייסעך[113]. אויס בעין־האזמאנים[114]. מעלאמדים[115] נעמען זיך קנעלן. איטלעכער מיט זײַן קיידער, און דער פּאסטעך מיט זיינע בעהיימעס. באהעלפער שלעפּן, טראָגן, ווי דער סיידער האָוילעם[116] איז, פּיצלעך[117] קינדער, שלאפינקע, אף די פּלייצעס אין קיידער ארײַן, און דאָס קעלבל אונדזערס, א געזונטס, ניט קליין צו לויפן מיט די פיסלעך אליין, בלײַבט גאָר איבער אינדערהיים! עס גייט ארום באָטל[118]. פארוואָס? — ס׳איז נאָך צו יונג צו טרײַבן עס אין טשערעדע[119], זאָגט דער פּאסטעך, עס וועט ניט פּארזאמען[120] די טוירע[121] זײַנע: מאלעגיירען[122], מאכן מיט דעם מויל[123], נישקאָשע[124] שפּעטער א ביסל אויך. לע־

113	פּייסעך [פסח]	праздник пасхи
114	בעין־האזמאנים [בין־הזמנים]	«каникулы» в хедере
115	מעלאמדים [מלמדים]	учителя в хедере
116	ווי דער סיידער האָוילעם [סדר העולם]	как принято в мире
117	פּיצלעך	крошки, кусочки
118	באָטל [בטל]	без дела
119	טשערעדע	стадо
120	פּארזאמען	успевать
121	טוירע [תורה] זײַנע	*зд.* свое дело
122	מאלעגיירען [מעלה־גרהן]	отрыгивать жвачку
123	מאכן מיט דעם מויל	*зд.* жевать
124	נישקאָשע [נישקשה]	неплохо

סאטע[125], זאָגט ער, זאָל זיך עס מעגאדל זײַן[126] אונטער הײמישער האזשגאָכע[127] ביז דער רעכטער צײַט.

אײןברײרע[128], דאָס קעלבל בלײַבט, נעבעך, און גײט איבער אף א סאך[129] הענט. קײן האָניק דערפון האָט עס ניט געלעקט. די מאמע ווײַזט אים א הײ אין סידער[130]; דער פארשטאָפּט אים דאָס מויל מיט שיִע־פּיִע; יענער לערנט דאָס דערעכערעץ[131] — און פון די פולע טויוועס[132] איז עס, נעבעך, שטענדיק הונגעריק, שטארק פון לײַב אראָפּ.

אף זײַן גליק האָט זיך בא מײַן מעלאמעד אויסגעלאָזט די טוירע פאר מיר. איך הײב אָן דערווײַל צו לערנען, הײסט עס, אין בעסמעדרעש[133] אלײן פאר זיך. מע פאר־לאָזט זיך, הײסט עס, אף מײַן יוישער[134], און די האזשגאָכע אפן קעלבל גײט מיט דער צײַט איבער אינגאנצן צו מיר אין די הענט. איך ווער עס דער מאדריך[135] זײַנער אין א גוטער שאָ[136]!

עס עפנט זיך פאר אונדז בײדן א נײַע וועלט — א וועלט א ליכטיקע, א שײנע, א פרײַע, וואָס ניט איך, ניט

125	לעסאטע [לעת־עתה]	в настоящее время
126	מעגאדל [מגדל] זײַן	растет
127	האזשגאָכע [השגחה]	присмотр
128	אײן ברײרע [אין ברירה]	нет выбора
129	א סאך [סך]	множество
130	ווײַזט אים א הײ אין סי־דער [סדור]	показывает ему букву ה в молитвеннике (игра слов: ה — буква, היי — сено)
131	לערנט דאָס דערעכערעץ [דרך־ארץ]	учить, как себя вести
132	טויוועס [טובות]	блага, достоинства
133	בעסמעדרעש	синагога
134	יוישער [יושר]	справедливость
135	מאדריך [מדריך]	руководитель
136	אין א גוטער שאָ [שאה]	в добрый час

דאָס קעלבל, האָבן זי ביז אהער, ליגנדיק פֿארשפארט אין ביידער, אין שטאלכל, קיינמאָל ניט אָנגעקוקט.

לעכאָ דודי[137]! — זאָג איך, אָנעמענדיק דאָס קעלבל באַם שטריקל, וואָס אים ארום דעם האלדז. — קום, מײַן פֿרײַנט, נייצע האסאָדע[138], אהין אפֿן גרינעם גראָז!

אײַ־אײַ, איז עס דאָרט גוט, מעכײַע[139]! עס לעבט, עס רירט זיך ארום און ארום. גאָטס באשעפֿענישן, ביז אהער גאָר ווילד־פֿרעמדע פֿאר מיר, פֿייגעלעך אלערליי, מיניי[140] זשוקלעך אזוינע, היישעריקן[141], גרילן אזוינע און אזוינע, פֿליִען, שפּרינגען הויך אין דער לופֿט אונטן צווישן דעם גראָז לעבעדיק־פֿריילעך מיט א געזינגערײַ, א זשוזשערײַ, א צימבלערײַ. עס הערט זיך א קאָנצערט, עס פֿילן זיך רייכעס[142] פֿון בסאָמים[143]. עס שימערט אין די אויגן פֿון בלומען קאָל־האמינים[144] קאָלירן.

עס אָטעמט זיך עפּעס אזוי גרינג, אזוי פֿרײַ. עפּעס טוט עס מיך אינווייניק א ברי[145] — האָפּ־האָפּ־האָפּ! טו איך א

137	לעכאָ דודי [לכה דודי]	«иди, друг мой» — цитата из «Песни песней» (7.12) — начало молитвы, которой встречают наступление субботы
138	נייצע האסאָדע [נצא השדה]	«выйдем в поле» — продолжение цитаты из «Песни песней» (7.12)
139	מעכײַע [מחייה]	прелесть, удовольствие
140	מיניי [מיני]	разновидности
141	היישעריק	саранча
142	רייכעס [ריחות]	запахи
143	בסאָמים [בשמים]	ароматы
144	קאָל־האמינים [כל־המינים]	все виды
145	ברי [בריה] טאָן	обжигает

שפּרונג, קוליע מיך[146] פאַר גרויס פאַרגעניגן עטלעכע מאָל איבער און צי מיך אויס אַף פרישוויכן מאָך מיט דעם בויך אַרויף. די ליכטיקע זון קוקט מיר גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן. שײַנט, שמייכלט, ווי מע רעדט: איאָ, ייִנגעלע, גוט?

עפּעס גאָר ניט־ווילנדיק, ווי פון זיך אַליין, עפנט מיר זיך דאָס מויל, און אַ יאַקום־פּורקן־ניגן[147] לאָזט זיך הערן אַף אַ וויינענדיק־קוויטשיקן בײַקעלכל[148]. דאָס קעלבל קוקט זיך אום צו מיר און מאַכט: „מע!”. עס האָט אַזויווי געהייסן: שאַ, וואָס איז?

דאָס קעלבל פאַרטיפט זיך אין דעם עסן געשמאַק, מיט קאַוואָנע[149]. איך קוק, קוק פאַרטראַכט, און עס קומט מיר פאָר יאַנקעוו אָווינו[150], ווי ער פיטערט די שאָף בײַ לעוואָן אַרמי[151], עס דאַכט זיך מיר אויך די גוטע באַגעגעניש זײַנע מיט ראָכלען[152] בײַם ברונעם דאָרט, ווי זיי קושן, האַלדזן זיך [153] פאַר גרויס ליבשאַפט.

אָנגעהויבן לעכאַטכילע[154] האָבן מיר די פיטערונג מיט דעם גרינעם באַרג, ניט ווײַט פונעם שטעטל, דערנאָך האָבן מיר זיך פאַרקליבן העט־ווײַט, אויסזוכנדיק אַ וווּנדער־שיין אָרט, גאָר אַ געמעל.

זאָל זיך אײַך דאַכטן אַ וואַלד. ביימער־סאָסנעס געוויק־סיקע ציִען זיך, ווי אַ סטרונע גלײַך, הויך אין הימל אַרײַן,

---

146 קוליע מיך — кувыркаюсь

147 יאַקום־פּורקן־ניגן [יקום־פּורקן־ניגון] — мелодия субботней и праздничной молитвы «да восстанет милость Его»

148 בײַקעלכל [בקולכל] — голоском

149 מיט קאַוואָנע — *зд.* с пониманием

150 יאַנקעוו אָווינו [יעקוב אבינו] — праотец Иаков

151 לעוואָן אַרמי [לבן ארמי] — Лаван-арамеянин (тесть Иакова)

152 ראָכל [רחל] — Рахиль, дочь Лавана и жена Иакова

153 האַלדזן זיך — обниматься

154 לעכאַטכילע [לכתחילה] — с начала, в начале

אונטן גלאַט־נאַקעט, און אויף די קעפּ גרינע היטלען־קאַפּע־
לישן אַ יאַם[155], צווישן וועלכע עס ברעכן זיך דורך שטראַלן
ליכטיקע פון דער זון, און באַלייגן דאָס ריינע סאַמעטענע
גראָז זיי באַ די פּיס מיט העלע פּאַסן[156] גינגאָלדענע[157].
פאַר דעם וואַלד שטייען קליינע־געדיכטע וועלדעלעך פון
נידעריקע, יונג־פרישע, זאַפטיקע ביימעלעך קאָל־האַמי־
נים[158], צעוואָרפן דאָ, דאָרט, אויף אַ היפּשן, פרײַען מיט
גרעזעלעך און שמעקנדיקע קרײַטעכצער באַוואַקסענעם
פּלאַץ. פאָרנט־צו ציִען זיך פון אים, פונעם פּלאַץ אַוועק,
פעלדער־טוווע[159] העט־לאַנג, ניט צו פאַרנעמען מיטן אויג,
און אים באַ דער זײַט לאָזט זיך די גאַנצע געגנט אַלץ ני־
דעריקער־נידעריקער אַראָפּ אין אַ טאָל, וווּ עס שפּרודלט,
ריזלט אַ ריין קלאָר וואַסער לעבעדיק־שפּילנדיק, ווי אַ
קינד, דאָס באַהאַלטנדיק זיך ערגעץ צווישן געדיכט פאַר־
צווײַגטע ווערבעס דאָרט, דאָס אַ ווײַז געבנדיק זיך ווידער,
לויפנדיק־שפּרינגענדיק באַרג־אַראָפּ פון שטיינדלעך אויף
שטײַנדלעך, האַלטנדיק אין איין מאַכן: בול־בול־בול!

כויץ[160] מיר און דעם קעלבל — נישטאָ דאָרט קיינער.
נאָר וואָס אַ מאָל טראָגט דער גוטער־יאָר אָן עפּעס אַ פויגל,
שטעלט זיך אויף אַ צווײַגל, וואַרפט אויף מיר ביגנייווע[161] אַן
אייגל, וווּנדערנדיק זיך, ווער זאָל עס זײַן דער מין נעפעש,
טוט באַלד טאַקע אַ בוק מיטן קעפּל, אַ טרייסל מיטן ווײדע־
לע, אַ מאַך מיט די פליגעלעך און — זײַ געזונט! אַוועק,
אַוועק...

155	יאַם [ים]	море
156	פּאַסן	полосы
157	גינגאָלד	чистое золото
158	קאָל־האַמינים [כול־המינים]	всевозможные
159	פעלדער־טוווע [תבואה]	поля с зерном
160	כויץ [חוץ]	кроме
161	ביגנייווע [בגנבה]	украдкой

אָדער אַף יענער זײַט טאָל אנטקעגן לאָזט זיך אמאָל אראָפּ א בושל, טוט זיך א שטעל אַף די לאנגע, רויטע פיס, אויסשטרעקנדיק אין דער הייך דעם לאנגן זילבער־ווײַסן האלדז מיט דעם רויטן פּיסק, שטייט אזוי א ווײַלע, קיין ריר זיך ניט צו טאָן. פּלוצעם קליפּ־קלאַפּ, קלאַפּ־קליפּ מיט דעם שנאָבל און — מארש, מארש איבער דעם זומפּ.

צײַטנווײַז פארטראָגט זיך א ווידערקאָל ערגעץ אינעם וואלד, א געקלאפּערײַ פון פורלעך אפן וועג דאָרט.

איך ליג מיר צעלייגט, סמאָרענדיק פאר גרויס פאר־געניגן, קוק אפן קעלבל און טראכט:

— אז וויל איז אונדז ביידן! ביידע האָבן מיר איי־נער דעם אנדערן צו פארדאנקען דערמיט, וואָס מיר זײַנען דאָ. ווען ניט איך, וואָלסטו אצינד געהינעט אין שטאלכל, און ווען נישט דו, וואָלט איך אצינד געהינעט אין בעס־מעדרעש.

אָט אזוי פלעג איך פארברענגען א שטיק טאָג, שעפּנ־דיק נאכעס[162] פון גאָטס וועלטל און פונעם קעלבל, וואָס האָט זיך שטארק צוגעלאָזט צו מיר, געוואָרן מיט מיר, ווי מע זאָגט, פאניבראט. מע האָט געמעגט אָנקוקן אַף כידור־שים[163], מיט וואָס פאר א קעלבערנע היסלײַוועס[164] עס האָט זיך געלאָזט לויפן, אונטערהייבנדיק דעם הינטן, אזוי זיך פּלוצעם, עפּעס גאָר פון דער העלער הויט. טאקע גאָר עפּעס, ווי א קינד צו דער מאמען, פלעגט עס אמאָל אויס־שטרעקן דעם האלדז, אָנבייגנדיק צו מיר דעם קאָפּ, ווי גע־זאָגט: נא, קראַץ מיך!

אין פארלויף פונעם זומער זײַנען מיר ביידע ווי איבער־

---

162 נאכעס [נחת] — удовольствие

163 אַף כידושים [כידושים] — на удивление

164 היסלײַוועס [התלהבות] — воодушевление

געביטן געוואָרן. דאָס קעלבל האָט אָפּ זיך גענומען לײַב! ס'איז אים אויסגעקראָכן די האָר און באקומען א נײַע גלאנצנדיקע הויט. איך בין אויך געקומען צו די קרעפטן, באקומען גאָר עפּעס א נײַע הויט און זייער א שטארקן אפּעטיט. דאָס לערנען האָט בא מיר דעמלט אזא טאם[165] געהאט, ווי באם זאט קעלבל, קומענדיק פונעם פעלד, האָט א טאם געהאט שטרוי, קארטאָפל־שאָלעכץ.

ד

— וואָס פאר א גוטס, באָכערל[166], קאָן ארויסקומען פון דײַנע פעלדער, דײַנע וועלדער?

אזוי האָבן זיך געווענדט צו מיר מיט א מוסער מײַנע היימישע, מיך געפרעגט און געענטפערט פאר מיר, זיי טא־קע אליין:

— איין מיטל פאר דיר, עס זאָל פון דיר ווערן א לײַט, איז נאָר די יעשיווע[167], קיין אנדער טאכלעס[163] איז גאָר ניט געמאָלט[169].

עס האָט מיר הארציק באנג געטאָן שיידן זיך מיט דעם קעלבל, מיט גאָטס וועלטעלע. אך, ריבוינעשעלוילעם[170], האָב איך בא זיך געטראכט, עס זאָל מעגלעך זײַן אריבער־

---

165 טאם [טעם] — вкус

166 באָכערל [בחורל] — паренек

167 יעשיווע [ישיבה] — иешива, религиозная школа (следующая ступень после хедера)

168 טאכלעס [תכלית] — польза

169 געמאָלט — *зд.* представлять себе

170 ריבוינעשעלוילעם [רבוני של עולם] — Владыка мира

צופּעקלען אהינצו, אין דער יעשיווע, אָט דאָס אַלצדינג, דאָס קעלבל אהין איך טאַקע!

און וואַלגערנדיק זיך אין דער יעשיווע, אמאָל אף א האַרטער באַנק, אמאָל אף דער ערד, א קולעק צוקאָפּנס, פּלעגן זיך מיר עפּענען אין די געדאַנקען ווונדער־שיינע פּאַ־נאָראַמעס.ביימער, טוווּעס, בלומען, בערגלעך, טאָלן, א גילדענע זון און א ריינער בלויער הימל. אין קאָפּ שפּילט מיר א טשיזשיק, אין די אויערן זשוזשעט מיר א זשוקל, און נאָך פאַרגייען מיר רייכעס — דאַכט זיך, בסאָמים... צוקאָפּנס[171], דאַכט זיך מיר, פון מאַך א קישעלע און עס קריכן אף מיר, דאַכט זיך, מוישע ראַביינוס פערדעלעך[172]. עס ציט מיך, ציט בא דער נעשאָמע[173] אַלץ אהין, אהין...

— „מאַמע־לעבן! — שרײַב איך אין א שיינעם זומער־טאָג אהיים. — איך באַגער, נישקאָשע, לערנען, האַלט שוין, באָרעכהאַשעם[174], אף א שטייגער... נאָר וואָס דען? שטאַרק אהיים בענק איך, נאָך דיר, מאַמע, נאָך איטלעכן (נאָכן קעלבל האָב איך מיך געשעמט זאָגן). אוי, לאָז מיך אף א פּאָר טעג קומען אהיים! עס וועט קיין הויצאָעס[175] ניט קאָסטן. איך וועל גיין צופוס. נישקאָשע, וואָס איז? אַלע באַ־כערים בא אונדז גייען צופוס. און נאָך וואָס פאַר א מין גיין — באָרוועס. מיט דעם שטעקן אין דער האַנט און דעם פּעקל אף די פּלייצעס. לאָז מיך, מאַמעניו, אוי, איך בעט דיך!"

171 צוקאָפּנס	у изголовья
172 מוישע ראַביינוס [משה רבנוס] פערדעלעך	божьи коровки
173 נעשאָמע [נשמה]	душа
174 באָרעכהאַשעם [ברוך השם]	слава Богу
175 הויצאָעס [הוצאות]	расходы

און ניט ווארטנדיק אף טשוווע[176], לאָז איך מיך שפּע־טער מיט עטלעכע טעג, אזויווי איך שטיי און גיי, אין וועג אריַין, עס פארשטייט זיך, צופוס.

אויב ס'איז נאָר געמאָלט אף דער וועלט גליק, און גע־וועזן דעמלט א גליקלעכער מענטש אף איר, איז דער איינער געוועזן איך. עס פאָרן דאָך סאָכרים[177] אין בוידן[178], פּריי־צים[179] אין קארעטעס, אָבער וואָס פאר א טאם האָט דאָס פאָרן זייערס אנטקעגן דעם צופוס־גייען פון א יעשיווע־באָ־כער, ווי איך, וואָס רײַסט זיך ארויס אף דער פרישער לופט, אף דער פרײַער ליכטיקער וועלט, וואָס ווערט עפּעס ווי פון טויט לעבעדיק.

ארויסגעגאנגען בין איך גאנצפרי, געגאנגען מיט זײַטן־וועגעלעך צווישן ווייץ און קאָרן דעם גאנצן טאָג, אונ־טערשפּרינגענדיק פאר פרייד, אויך אונטערזעצנדיק זיך אמאָל, און געקומען אהיים בין איך מינכע־צײַט[180], ווען בעהיימעס קומען צוריק פונעם פעלד.

מײַן קעלבל, זע איך, איז, הע־הע־הע, אָן אײַנהאָרע, א קאלב.

איך גיב מיך א שטעל גלײַך אים אנטקעגן פּאָנעם.

— שאָלעם־אלייכעם, קעלבל, — מאך איך און וויל עס א גלעט טאָן.

עס בייגט אָן דעם קאָפּ, ניט אָנצוקוקן מיך, אויס־שטעלנדיק מיר א פּאָר קליינע שפּיציקע הערנער, ווי גע־

---

176 טשוווע [תשובה] — ответ
177 סאָכרים [סוחרים] — купцы
178 בוידן — кибитки
179 פּריצים [פּריצים] — помещики
180 מינכע־צײַט [מנחה־צײַט] — время чтения молитвы «Минха» (после полудня)

רעדט: אַן הענט! וואָס פּאַר א מעכוטן[181] מיט מיר, מיך צו גלעטן, ביסטו, פּעטער.

עס פאַרדריסט מיך טאַקע א ביסל, נאָר נישקאָשע, טראַכט איך מיר, מע דאַרף זיך פּרוּוון נאָכאַמאָל.

— מאַין־מאַין־מאַין! — זאָג איך, האַלטנדיק דאָס קעלבל פאַר דער נאָז, א ביסל פונדערווײַטנס, א הויפן גראָז — נא, הייסט עס, א מאַטאָנע[182] פון מיר!

עס שמעקט, סמאָרעט מיט דער נאָז, אָנקוקנדיק מיך פאַרוווּנדערט, גלײַך ווי געזאָגט: עפּעס קענטלעך! דאַכט זיך, דער און פאַרט ניט דער.

— א, ניט דערקענט? אײַ־אײַ! — שמייכל איך א ביסל מיט טאַרומעס, מיט גאַל, הייסט עס.

דאָס קעלבל, דערקענענדיק מיך, אפּאָנעם, אין דעם קאָל, ווערט מיט מיר היימישער, שטרעקט פרײַנטלעך אויס צו מיר דעם האַלדז צום קראַצן, ווי דער שטייגער זײַנער איז געווען פריִער. עס שטייט אזוי עפּעס ווי געריִרט, קוקט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, אונטערמריקענדיק צו מיר שטיל פון דער ברוסט: המ־מ־ם!

ה

איך געזעגן מיך מיט מײַנע אַלע ליבסטע, זאָג א זײַ־געזונט די שיינע פעלדער, די גרינע וועלדער, ווו איך האָב געשפּאַצירט, איך לאָז מיך אוועק צופוס ווײַטער אהין, אין דער יעשיווע.

נאָך א לאַנגער צײַט שטילשווײַגן שרײַבט מיר די מאַמע:

[181] מעכוטן [מחותן] родственник

[182] מאַטאָנע [מתנה] подарок

„מאַזלטאָוו דיר, זונעניו, מאַזלטאָוו אויך מיר מיט מײַן בעהיימע! עס האָט זיך געקעלבט דײַן קעלבל, איז געוואָרן אַף קעז און אַף פּוטער א בעהיימע! אין שטוב איז דאָ מילכיקס, א ביסל צום פאַרקויפן און פאַר זיך אויך א ביסל. ווי דערלעב איך שוין אויך פון דיר אינגיכן נאכעס האלעלויע אָמיין[183], ריבוינעשעלוילעם! זייער א גוטע בעהיימע, נאָר וואָס דען? איך האָב פון איר צאָרעס[184]. זי לאָזט זיך ניט מעלקן, וואַרפט זיך, שרײַט, בענקט, גייט פּאָשעט[185] אויס נאָכן קעלבל. האָסטו געהערט, א בעהיימע זאָל ניט קאָנען פאַרגעסן דאָס קעלבל! עפּעס טאקע גאָר ווי א מאמע א קינד. מעשוגע[186] איז זי טאקע נאָך קעלבלווײַז געוועזן, געטויגט[187] האָסטו איינער טאקע צו איר. גוט אויסגעלערנט האָסטו זי. האָסט געמעגט ווייניקער לערנען זי און לערנען בעסער אליין. לערן, זונעניו, לערן, וועט פון דיר, אימירצעשעם[188], ווערן א לײַט. א קעלבעלע איז דאָס געוועזן זייער א געראָטנס[189], טאקע גאָר אן אנטיק. דער קאצעוו האָט מיר דערפאַר געגעבן א גוטן מעקעך[190], פונעם געלט שיק איך דיר א פּאָר גילדן. נא, ווייס. האָב אויך האנאָע[191]

---

183 האלעלויע אָמיין [הללויה אמן] — *зд.* да будет так! (*букв.* «слава Богу, аминь!» — окончание молитвы)

184 צאָרעס [צרות] — горе, неприятности

185 פּאָשעט [פשוט] — просто

186 מעשוגע [משוגע] — сумасшедший

187 געטויגט — пригодный

188 אימירצעשעם [אם ירצה השם] — если Бог даст

189 געראָטנס — удачный

190 מעקעך [מקח] — цена

191 האנאָע [הנאה] — удовольствие

פאַר דײַן מי אמאָל מיט דײַן קעלבל! איר ביידע זײַט דאָך ווי אנדערע צוויי. ווײַטער שרײַב איך דיר, אז...״

נאָר גענוג! וואָס ווײַטער זי שרײַבט האָב איך שוין ניט געלייענט. עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן, פארדרייט זיך מיר דער קאָפּ, פּע, ניט גוט, אזוי, אז מע האָט געמוזט אָפּגיסן מיך מיט א גאנצן עמער וואסער.

מײַנע כאווײרים[192] שטייען צו מיר צו, פרעגן:

— וואָס איז די מײַסע[193]? איז עמעצער פון די היימישע, כאסוועשאָלעם[194], קראנק, אָדער, די שאָ זאָל ניט זײַן[195], עפשער גאָר געשטאָרבן?

און איך שווײַג, האלטנדיק זיך באם הארצן. גיי דערצייל, נאָר אויף לײַטיש געלעכטער, יענעם א מײַסע מיט א קעלבל! אז דאָס איז מיר ניט גוט פאר ראכמאָנעס אויף א בעהיימע, מיט וועלכער מיר איז באשערט געוועזן, צום ערשטן מאָל אין אונדזערע ביידנס יונגע יאָרן, אָנצוקוקן גאָטס וועלט מיט אירע פעלדער די שיינע און צו פארברענגען דאָרט ביידע א שטיק צײַט, די טײַערסטע אין לעבן; אז דאָס טריפט מיר דאָס בלוט פאר ראכמאָנעס אויף א בעהיימע, א מאמע, וואָס בענקט נאָך איר קינד, נאָך איר געקוילעט קינד, נעבעך!..

גענוג, איבערגענוג איז פאר מיר געוועזן דער מאמעס טעלעכע ווערטער, אז איך זאָל ווערן צעקאָכט, צערייצט[196], אז די פאנטאזיע זאָל ארבעטן מײַסים, מיך ניט לאָזן רוען די נעכט.

---

192 כאווײרים [חברים] — товарищи

193 מײַסע [מעשה] — *зд.* дело

194 כאסוועשאָלעם [חס ושלום] — не дай Бог

195 די שאָ [שעה] זאָל ניט זײַן — не приведи господь

196 צערייצט — раздражен

קוים וואָס זיך געלייגט — א־הא, באָרעכהאבאָ[197]! הייבט זיך אָן די שפּיל. עס טרעט ארויס אַף דער סצענע דאָס אלטע קעלבל, שוין א מאמע, מיט דעם קינד — א קעלבעלע א בריליאנט. עס טשעפּעט זיך דאָס קעלבעלע, זויגט די ברוסט, אונטערשלאָגנדיק אמאָל דעם איַיטער[198], דרייענדיק דערבײַ מיט דעם ווײדעלע. די מאמע איז גאָר אײבערגליקלעך, זי בייגט אויס דעם קאָפּ צום קינד, לעקט עס, לעקט, שטיל אונטערמריקענדיק פאר גרויס ליבשאפט...
עס פינקלט[199], שימערט[200] ארום און ארום, א ליבלעכע ווארעמקײַט צעגיסט זיך אין די אלע גלידער און אפן הארצן פילט זיך עפּעס אזוי גרינג, אזוי גוט... באלד טאקע טוט זיך עפּעס א דריי. עס טונקלט אין די אויגן, אויס געשטאלטן, אויס קאָלירן, אויס אלצדינג — גאָרנישט!..

איך ווארף מיך, קער מיך אום אַף דער אנדערער זײַט, קלינג־קלינג, ווי מיט א גלעקעלע אין די אויערן — הע־הע, ווידער די שפּיל!

א סצענע א טרויעריקע. עס רײַסט זיך דאָס יונגע קעלבעלע, רײַסט זיך דעם קאצעוו פון די הענט ארויס. עס לויפט מיט א ביטער געשריי, און דער קאצעוו נאָך אים. פילנדיק זײַן מאלעכהאמאָוועס[201] און שטארק ווערלנדיק לעבן, לויפט עס אויסער זיך, נעבעך, פאר שרעק, באהאלט זיך עמעצן דאָרט צווישן די פּאָלעס[202], קריכט, מעקעט, ווי עס בעט

197	באָרעכהאבאָ [ברוך הבא]	добро пожаловать (*букв.* благословен входящий)
198	איַיטער	вымя
199	פינקלט	мерцает
200	שימערט	поблескивает
201	מאלעכהאמאָוועס [מלאך המוות]	ангел смерти
202	פּאָלעס	полы (*одежды*)

ראכמים[203]: ראטעוועט! דער קאצעוו כאפט דאָס שוואך קעלבעלע, בינדט עס אף אלע פיר. עס צאפלט, שרייט מע־מע — מאמע הייסט עס — נאָר אומזיסט! די מאמע איז אפן פעלד, הערט ניט דאָס ביטער געשריי פון איר ליב קינד, הערט ניט דעם קינדס געזעגענען זיך מיט איר פארן טויט.

רויט־בלוי, א פארבלענדעניש, אויסמישעניש ארום און ארום. איך טאפ מיך, וויש מיך — דאכט זיך, בלוט, שפריצע־לעך בלוט...

עס באשלאָגט מיך א שווייס!..

אין דעם טאָג, וואָס מע האָט מיך באדארפט אָפפירן אין ביקער־כּוילים[204], איז אָנגעקומען פון דער היים, פון דער מאמען א בריוו, א קלאָג:

— „זע, זונעניו, זיי א מענטש! נאָר אף דיין לערנען דיינעם האָסטו אצינד צו רופן, ווייטער ניט אף קיינעם. וויסט איז דער מאמען, זיך אויסגעלאָזט די אלע פארנאָ־סעס[205]. דאָס איינציקע אָנהאלטעניש[206] אויך פארזינ־דיקט — געפייגערט די בעהיימע!"

---

[203] בעט ראכמים [רחמים]	просит милосердия
[204] ביקער־כוילים [בקור־חולים]	посещение больных (здесь в больницу)
[205] פארנאָסעס [פרנסות]	заработки
[206] אָנהאלטעניש	поддержка, опора



שאָלעם אש

מײַסעלעך פון כומעש

נויעך מיט דער טייווע

עס זײַנען שוין געווען פיל מענטשן אף דער וועלט. זײַנען זיי אָבער זייער שלעכט געווען, האָט זיי גאָט גע־וואָלט פארטיליקן. איז אָבער געווען צווישן זיי איינער, א גוטער און א פרומער, נויעך. האָט גאָט געוואָלט אים לאָזן לעבן, מיט די אלע באשעפענישן, וואָס ער האָט אף דער וועלט באשאפן. האָט גאָט געזאָגט צו אים: „נויעך, איך וויל ברענגען א מאבל אף דער וועלט. מאך דיר א גרויסן קאסטן און זעץ זיך אין אים ארײַן, און אז דאָס וואסער וועט קומען, וועסטו אין אים ארומשווימען. אלע וועלן דערטרונקען ווערן, נאָר דו אליין וועסט ניצל ווערן”.

איז געגאנגען נויעך און האָט זיך געפלאנצט גרויסע טאנענביימער, האָבן די מענטשן געלאכט און געשפעט פון אים: „צו וואָס פלאנצסטו דיר טאנענביימער?” האָט ער גע־טראכט: „איר לאכט, און איך ווייס וואָס איך טו”. אז די טאנענביימער זײַנען אויסגעוואקסן, האָט נויעך זיי אויסגע־האקט און גענומען זיך בויען דעם קאסטן, דרײַ הונדערט איילן לאנג, פופציק איילן די ברייט, און פון אינווייניק און פון אויסווייניק האָט ער אים אויסגעקלעפט מיט סמאָלע, קעדיי דאָס וואסער זאָל אין אים ניט ארײַנרינען. אז די

מענטשן האָבן געזען, ווי ער מאַכט זיך דעם קאַסטן, האָבן זיי ווידער געלאַכט פון אים. „נאָך וואָס מאַכסטו דיר אַזאַ קאַסטן?" האָט ער זיך געטראַכט: „איר לאַכט, און איך ווייס וואָס איך טו".

אַז דער קאַסטן איז פאַרטיק געוועזן, האָט גאָט געזאָגט צו נויעכן:

„נעם מיט אין דײַן קאַסטן צו צוויי פון אַלע באַשעפע־נישן, וואָס זײַנען נאָר דאָ אויף דער וועלט, סײַ אין פעלד, סײַ אין וואַלד, סײַ אויף דער טריקעניש, סײַ אין ים, פון אַלע כּײַעס, בעהיימעס, פייגלען און ווערעם צו פּאָרלעך, אַ מאַן מיט אַ ווײַב, קעדיי אַז זיי זאָלן לעבן בלײַבן מיט דיר און זיי זאָלן זיך דערנאָך מערן און באַלעבן די וועלט".

האָט נויעך געזאָגט:

„פונוואַנען וועל איך זיי נעמען? עס זײַנען דאָך דאָ אַזעלכע פייגעלעך, וואָס וווינען אויף די באַהאַלטנסטע אינדז־לען; עס זײַנען דאָך דאָ אַזעלכע ווערעמלעך, וועלכע וווינען אין די פאַרבאָרגנסטע לעכער, וואָס קיינער ווייסט ניט פון זיי".

האָט גאָט געזאָגט:

„איך וועל זיי שוין דיר שיקן".

האָבן אָנגעהויבן אָנקומען צו נויעכן אַלערליי כּײַעס, וואָס געפינען זיך אויף גאָר דער וועלט, פאַרשיידענע בעהיי־מעס און אַלערליי פייגלען, און ווו עס איז געוועזן אַ פאַר־באָרגן ווערעמל ערגעץ־ווו באַהאַלטן אין האַרץ פון אַ שטיין, אָדער אַ פויגל, פאַרוואָרפן אויף אַ ווײַטן אינדזל, וואָס קיין מענטשנס טריט טרעטן קיינמאָל ניט דאָרטן. אַלע זײַ־נען זיי אָנגעקומען צו נויעכן, אַז ער זאָל זיי מיטנעמען אין דער טייווע אַרײַן. און געקומען זײַנען זיי צו פּאָרלעכווײַז, פון יעדן מין צוויי: אַ מאַן מיט אַ ווײַב.

דער אייזל איז געקומען מיט דער אייזלטע, דער הונט

מיט דער צויג, דער האָן מיט דער הון. נויעך איז געזעסן פאַר דער טיר פון דער טייווע, די זון האָט געשײַנט — זײַנען אָנגעקומען די כײַעס, האָבן זיך פאַר אים געצוקט און געזאָגט: „נויעך, נעם אונדז אין דער טייווע מיט, דער מאַבל וועט קומען אַף דער וועלט — מיר ווייסן". האָט ער זיי אין דער טייווע געפירט און יעדן זײַן אָרט אָנגעוויזן.

קומט אויך צו אים דער שעקער און בעט זיך: „נויעך, לאָז מיך אין דער טייווע ארײַן". זאָגט נויעך צו אים: „איך נעם מיט בלויז א פּאָר, אינצווייען לאָז איך אַרײַן, גיי, זוך דיר דײַן זיווּעג".

איז דער שעקער ארומגעגאַנגען איבער דער וועלט א שידער טאָג, האָט קיינער ניט געוואָלט מיט אים כאַסענע האָבן. ביז ער איז אָנגעקומען צו דער קלאָלע. האָט די קלאָלע מיט אים כאַסענע געהאַט. דעריבער זאָגט מען, אַז „שעקער און שלימאַזל גייען צוזאַמען". זײַנען זיי אָנגעקומען צו נויעכן א פּאָר, דער שעקער מיט דער קלאָלע, האָט ער זיי אין דער טייווע אופגענומען.

אַז נויעך מיט אַלע כײַעס, בעהיימעס און אויפעס זײַנען שוין אין דער טייווע געווען, האָט גאָט אופגעעפנט די פענצטער פון הימל, און עס האָט אָנגעהויבן אַראָפּגיסן א רעגן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פערציק טעג און פערציק נעכט. אַלץ, וואָס איז געווען אַף דער ערד, איז דערטרונקען געוואָרן, אַלע שטעט, אַלע הײַזער זײַנען פאַרפלייצט געוואָרן, אַלע מענטשן אויסגעשטאָרבן — נאָר איינער איז געבליבן, אויג מיילער האַבאַשן, וואָס איז געווען העכער פון אַלע מענטשן. האָט ער זיך אופגעכאַפּט, רײַטנדיק אַף דער טייווע, נויעך האָט אים ארויסדערלאַנגט עסן פון פענצטערל, איז ער אַזוי־ארום דערהאַלטן געוואָרן.

און אַף דער ערד איז גאָרנישט מער געווען, נאָר וואַסער. אַלע בערג זײַנען געוואָרן באַדעקט מיט וואַסער, און מע

האָט גאָרנישט מער ארויסגעזען, נאָר יאם און הימל, און די טייווע אליין איז ארומגעשווומען איבער דעם וואסער. און אף דער ערד איז גאָרנישט מער געבליבן, נאָר דאָס, וואָס איז געווען מיט נויעכן אין דער טייווע. דאָרט איז געהאנגען א גרויסער פּערלשטיין, וואָס האָט ליכטיק געמאכט אין דער גאנצער טייווע. וואָס קומט אָבער ארויס? די בעהיימעס און כײַעס קריגן זיך צווישן זיך. אז מע האָט זיי גלײַך ניט עסן געגעבן, איז געוואָרן א ברומערײַ, און איינער האָט אפּן צווייטן ליגן געזאָגט, און איינער האָט דעם צווייטן געשאָלטן. האָט זיך נויעך ארומגעקוקט: וואָס איז די מײַסע? האָט ער דערזען — דער שעקער און די קלאָלע, וואָס ער האָט אין דער טייווע מיטגענומען, זײַנען ארומגעלאָפן צו אלע באשעפענישן, און יעדעס מאָל זײַנען זיי אין אן אנדערנס מויל געווען. האָט ער גענומען דאָס פּאָרל און אײַנגעשלאָסן זיי אין אן אײַזערנער שטײַג ארײַן. און אָנגעזאָגט האָט ער זיי, אז אויב זיי וועלן פון דער שטײַג ארויס און צווישן די כײַעס ארײַן, וועט ער זיי אין וואסער ווארפן. איז שאָלעם געוואָרן אין דער טייווע.

האָט זיך נויעך אויסגעלערנט די נאטורן פון יעדער באשעפעניש באזונדער און האָט זיי צו עסן געגעבן איטלעכע אין זייער צײַט. ער האָט נעבעך זייער א שווערע ארבעט געהאט מיט די אלע באשעפענישן, וואָס יעדע באזונדער פון זיי האָט אן אנדער געוווינהײַט, און זייער לאנג האָט עס געדויערט, ביז ער האָט זיך צוגעוווינט צו זיי. נאָר דערפאר האָט ער א גרויסע מיצווע פארדינט, וואָס ער האָט די אלע באשעפענישן דערהאלטן באם לעבן, אז זיי זאָלן דערנאָך בלײַבן אף דער וועלט. נאָר בלויז דער פעניקס — אזא קליין פייגעלע, וואָס איז געווען שטילער פון אלע אנדערע באשעפענישן, האָט ניט געשריגן עסן, נאָר נויעכן מיטגעהאָלפן אין זײַן שווערער ארבעט באם אומקערן מיט אזויפיל כײַעס.

דערפאַר האָט אים נויעך געוווּנטשן, אַז ער זאָל אייביק לעבן, און דאָס פייגעלע פעניקס לעבט טאַקע אייביק ביז הײַנטיקן טאָג.

גאָט האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן נויעכן און אָן די באַשעפענישן, וואָס זײַנען מיט אים אין דער טייווע — האָט ער פאַרשלאָסן די הימלען, מער קיין רעגן ניט געגאָסן און אַ ווינט געשיקט, אַז ער זאָל פאַרטרײַבן די וואַסערן אין יאַם אַרײַן.

אין זיבן כאַדאָשים אַרום איז דאָס וואַסער קלענער געוואָרן, און אין צען כאַדאָשים אַרום האָט מען שוין אַרומגעזען די שפּיצן פון די בערג פון וואַסער אַרויס. און די טייווע האָט שוין גערוט אָפן שפּיץ בארג אַראַראַט.

האָט נויעך אַ פענצטער אופגעעפנט פון דער טייווע — און אַרויסגעשיקט דעם ראָב זען, ווי עס האַלט מיטן וואַסער. איז דער ראָב אַוועקגעפלויגן און איז באַלד צוריקגעקומען.

האָט נויעך געוואַרט זיבן טעג און האָט די טויב אַרויסגעשיקט זען, אויב די וואַסער איז שוין קלענער געוואָרן. האָט זי ניט געפונען קיין שטיקל אָרט, ווו איר פיסל אָפּצושטעלן, איז זי צוריקגעקומען און האָט זיך געשטעלט אָף דעם דאַך פון דער טייווע. האָט נויעך אַרויסגעשטרעקט נאָך איר די האַנט און זי צוריק אַרײַנגענומען.

האָט ער געוואַרט נאָך זיבן טעג און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב. איז זי שוין צוריקגעקומען קעגן פאַרנאַכט און האָט אין מויל געהאַלטן אַ בלאַט פון אַן איילבערט. האָט נויעך געוווּסט, אַז דאָס וואַסער איז שוין אַוועק, אַז דאָס גרינס באַווײַזט זיך שוין אָף דער ערד.

האָט ער געוואַרט נאָך זיבן טעג און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב. איז זי שוין מער ניט צוריקגעקומען. האָט נויעך אופגעעפנט דעם אויבערדעק פון דער טייווע און דערזען, אַז עס איז שוין טריקעניש אַרום און אַרום. איז ער

ארויס פון דער טייוועֹ און האָט ארויסגעלאָזט אלע כּײַעס מיט אלע בעהיימעס, די פֿייגלען פרײַ געשיקט, און די ווע־רעם אָפּגעלאָזט, און אלע טויבן מיט אלע ראָבן, אז זיי זאָלן פליִען איבער דער וועלט, מערן זיך און ווידער באלעבן די ערד, ווי פריִער.

און פֿאר גאָט האָט ער געשטעלט א מיזבייעך און אים קאָרבאָנעס געבראכט און געדאנקט, וואָס ער האָט אים פון דעם מאבל מאציל געווען, אים מיט אלע באשעפענישן. און יעדע באשעפעניש האָט גאָט דערפאר א לויב־ליד געזונגען. האָט גאָט די מאטאָנע צוגענומען און געשווירן, מער שוין קיין פארפלייצונג ניט צו ברענגען איבער דער וועלט. און א צייכן האָט ער איבער דער וועלט געשיקט — דעם רעגנ־בויגן, אז ער זאָל צום אָנדענק זײַן, אז גאָט וועט שוין מער קיין פארפלייצונג ניט ברענגען איבער דער ערד.

דער טורעם פון באָוול

נויעך מיט די זײַניקע זײַנען פון דער טייוועֹ ארויס און האָבן זיך איבער דער וועלט פארשפרייט. זיי האָבן געמערט זיך און באלד ווידער באלעבט די גאנצע ערד. האָבן די מענטשן מוירע געהאט, אז גאָט זאָל ווײַטער קיין מאבל ניט שיקן איבער דער וועלט, האָבן געקלערט און אייצעס זיך געהאלטן. האָבן אייניקע געזאָגט, אז ווען א מאבל קומט, ברעכן זיך די געוועלבן פון הימל — מאכמעס דעם גיסט דאָס וואסער פון הימל אראָפּ, דארף מען א גרויסן טורעם אופֿ־מויערן, וואָס זאָל מיט זײַן שפּיץ אונטערהאלטן די הימלען. און אנדערע האָבן געזאָגט: „ווייסט איר וואָס? אז גאָט וועט אראָפּשיקן א רעגן, וועט מען דורך דעם טורעם אפן הימל

ארופגיין און מיט גאָט מילכאָמע האלטן". האָבן זיי געמויערט דעם טורעם וואָס א מאָל העכער און העכער, ביז ער האָט שוין באלד צום שפּיץ הימל דערגרייכט. וואָס טוט גאָט? אין איין שיינעם פרימאָרגן, אז די מענטשן זײַנען זיך צונויפגעקומען צו דער ארבעט, האָט יעדער פון זיי אף אן אנדער שפּראַך גערעדט, וואָרעם גאָט האָט באנאכט יעדן דעם לאָשן אָפּגענומען און אן אנדער שפּראַך געגעבן. האָט איינער דעם צווייטן ניט פארשטאנען. דער האָט געזאָגט: „גיב מיר ציגל" — האָט מען אים דערלאנגט ליים. האָבן זיי זיך געקריגט איינער מיטן צווייטן, צעשלאָגן זיך און די ארבעט געוואָרפן. פון דענסטמאָל אָן שטייט נאָך דער טורעם אין באָוול אומגעענדיקט, און פון דענסטמאָל אָן רעדן די מענטשן אף די פארשיידענע שפּראַכן און פארשטייען ניט איינער דעם צווייטן.

Шолом Аш

БИБЛЕЙСКИЕ ИСТОРИИ

НОЕВ КОВЧЕГ

На земле уже было много людей. Но были они очень плохими, и Бог решил их уничтожить. Однако среди них был один человек, хороший и благочестивый, по имени Ной. И Бог решил оставить его в живых, со всеми созданиями, которых Он сотворил в мире. Бог сказал ему: «Ной, я хочу навести потоп на землю. Сделай себе большой ковчег и садись в него, и когда придет вода, ты будешь в нем плавать. Все будут потоплены, лишь ты один спасешься».

Пошел Ной и посадил большие еловые деревья, люди смеялись и издевались над ним: «Зачем ты сажаешь елки?» Он подумал про себя: «Вы смеетесь, а я знаю, что я делаю». Когда ели выросли, Ной срубил их и начал делать ковчег, триста локтей длиной, пятьдесят локтей шириной. Изнутри и снаружи он обмазал его смолой, чтобы вода не могла попасть внутрь. Когда люди увидели, что он делает себе ковчег, они снова стали смеяться над ним: «Зачем ты делаешь такой ящик?» А он подумал: «Вы смеетесь, а я знаю, что я делаю». Когда ковчег был готов, Бог сказал Ною: «Возьми с собой в ковчег по паре из всех созданий, какие только есть в мире, в поле и в лесу, на суше и в море, из всех диких зверей, домашних животных, птиц и пресмыкающихся, мужского и женского пола, чтобы они остались в живых с тобой, и чтобы они потом размножились и заселили мир».

Ной сказал: «Откуда я возьму их? Ведь есть такие птички, что живут на самых далеких островах, и пресмыкающиеся, живущие в самых скрытых норах, и никто не знает о них».

Бог сказал: «Я пошлю их к тебе».

И вот к Ною начали приходить всевозможные звери, какие только есть в мире, разные домашние животные и птицы, где бы они ни находились, — спрятавшийся червячок, скрывающийся в сердцевине камня, или птичка, заброшенная на дальнем острове, где никогда не ступала нога человека. Все они пришли к Ною, чтобы он взял их с собой в ковчег. Они пришли парами, по двое от каждого рода: муж с женой. Осел пришел с ослицей, петух с курицей. Ной сидел перед дверью ковчега, светило солнце — звери приходили, кланялись перед ним и говорили: «Ной, возьми нас с собой в ковчег, мы знаем, потоп придет на землю». Он провел их в ковчег и показал каждому его место.

Приходит к нему Обман и просится: «Ной, пусти меня в ковчег». Говорит ему Ной: «Я беру только парами, вдвоем я пущу вас. Иди, поищи себе жену».

Отправился Обман по свету искать себе жену, но никто не хотел выходить за него замуж. Наконец пришел к Ссоре, посватался и женился на ней. Поэтому и говорят: «Обман и ссора ходят вместе». Пришли они к Ною, Обман и Ссора, и он взял их к себе в ковчег.

Когда Ной со всеми зверями, домашними животными и птицами были уже в ковчеге, Бог открыл окна на небе и полился дождь, который продолжался сорок дней и сорок ночей. Все, что было в мире, было затоплено, все города, все дома были залиты водой, все люди умерли — остался только один человек, Ог, царь Васанский, который был выше всех людей. Он уселся сверху на ковчег, и Ной давал ему еду из окошка, и таким образом он уцелел.

А на земле больше ничего не было, только вода. Все горы покрылись водой, и ничего не было видно, только море и небо, и один ковчег плавал по воде. И на земле больше ничего не осталось, только то, что было с Ноем в ковчеге. Там висела большая жемчужина, освещавшая ковчег изнутри. Но что же получается? Домашние и дикие животные ссорятся между собой. Оттого, что им сразу не дали есть, поднялся шум, и они стали обманывать друг друга и ругаться. Ной огляделся: «Что случилось?» И он увидел: Обман и Ссора, которых он взял с собой в ковчег, перебегали от одного создания к другому и все время оказывались в устах то того, то этого. Он взял эту парочку и запер их в железной клетке, и сказал им, что если они вылезут из клетки к зверям, то он бросит их в воду. И наступил мир в ковчеге.

Ной изучил природу каждого создания и давал есть каждому в свое время. Ему было очень трудно. У каждого создания были свои особые привычки, и прошло много времени, пока он не привык к ним. Но этим он исполнил важную заповедь — сохранил живыми все создания, чтобы они потом остались на свете. И только Феникс — такая маленькая птичка, которая была тише всех других созданий, — не кричала и не требовала еды, а помогала Ною в его тяжелой работе. Поэтому Ной пожелал ей, чтобы она жила вечно, и птичка Феникс так и живет вечно, до сегодняшнего дня.

Бог вспомнил о Ное и о созданиях, находившихся в ковчеге, и закрыл окна на небе, так что дождь больше не лил. Он послал ветер, чтобы гнать воду в море.

Через семь месяцев вода убавилась, а через десять месяцев уже показались из воды вершины гор. И ковчег остановился на вершине горы Арарат. Ной открыл окно ковчега и выпустил ворона посмотреть что происходит с водой. Ворон улетел и скоро вернулся.

Ной подождал семь дней и послал голубя посмотреть не убывает ли вода. Голубь не нашел местечка, где мож-

но было бы сесть, вернулся и сел на крышу ковчега. Ной протянул за ним руку и взял его обратно.

Он подождал еще семь дней и снова послал голубя. На этот раз он вернулся к вечеру и держал во рту лист масличного дерева. Ной понял, что вода уже сошла, что зелень уже показалась на земле. Он подождал еще семь дней и снова послал голубя. И тот больше не вернулся. Ной поднял крышку ковчега и увидел, что кругом уже все сухо. Он вышел из ковчега и выпустил всех зверей и домашних животных, освободил птиц и отпустил пресмыкающихся, и всех голубей и воронов, чтобы они летели по свету, плодились и снова населили землю как прежде.

А пред Богом он поставил жертвенник и принес жертвы и благодарил Бога за то, что Он избавил от потопа его и все создания. И каждое создание пело Богу хвалебную песнь. Бог принял приношение и поклялся, что больше не будет наводнение приходить на землю. И он послал знамение над всем миром — радугу, напоминающую о том, что Бог больше не будет наводить потоп на землю.

ВАВИЛОНСКАЯ БАШНЯ

Ной со своей семьей вышел из ковчега, и они рассеялись по свету. Они размножились и скоро снова заселили всю землю. Люди боялись как бы Бог снова не послал потоп на землю, и стали думать и советоваться. Одни говорили, что когда приходит потоп, то ломаются небесные своды — и поэтому вода льется вниз с неба, и нужно построить большую башню, чтобы она своей верхушкой поддерживала небеса. А другие говорили: «Знаете что? Когда Бог пошлет дождь, можно будет подняться по башне на небо и начать войну с Богом».

Они строили башню все выше и выше, пока она не достигла своей вершиной неба. Что сделал Бог? В одно прекрасное утро, когда люди собрались для работы, каждый из них заговорил на другом языке, так как Бог ночью взял у каждого его язык и дал ему другой. Они не понимали друг друга. Один говорил: «Дай мне кирпич» — ему давали глину. Они ссорились друг с другом, дрались и бросали работу. С тех пор и стоит Вавилонская башня незаконченная, и с тех пор люди говорят на разных языках и не понимают друг друга.

НОЕВ КОВЧЕГ?

Члены американской экспедиции, отправившейся в сентябре прошлого года к вершине горы Арарат на северо-востоке Турции, обнаружили, по их мнению... Ноев ковчег.

В результате самого жаркого лета в Турции за последние 50 лет в этом году часть ледяной коры на вершине Арарата оттаяла. Поэтому входы в многочисленные пещеры здесь были приоткрыты после «вечной мерзлоты». В одной из них участники похода обнаружили необычный коричневый предмет, напоминающий большой ящик. Он был заснят членами экспедиции на видеокамеру. После просмотра пленки с его изображением многие сошлись во мнении, что это Ноев ковчег, который, согласно библейскому мифу, должен находиться именно в этом районе.

ייִדיש פֿאַר אונדזער דאָר

„מיר אַלע לערנען זיך פֿון אײַך, הגם מיר זײַנען ניט שטענדיק מסכּים מיט אײַך. מאָרדכע שעכטער און ייִדיש זײַנען געוואָרן סינאָנימען פֿאַר אונדז אַלע". אַזוי האָט געשריבן צו מאָרדכע שעכטערס זעכציקסטן יובֿילײַ ייִצחאָק באַשעוויס־זינגער[1]. בלויז די „סעלעקטיווע ביבליאָגראַפֿיע פֿון מ. שעכטערס שפּראַך־נאָרמאַטיווע, דעסקריפּטיווע און פּעדאַגאָגישע קסאָווים"[2] ציילט צענדליקער און צענדליקער ביכער און אַרטיקלען, וועלכע זײַנען געווידמעט פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען — פֿון, לעמאָשל, אַנאַליטישע נאָטיצן וועגן דעם לאָשן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" און „פֿאָרווערטס" ביז אַ רעשימע פֿון ייִדישע גאַסטראָנאָמישע טערמינען.

אַלס גרונט־מײַלע פֿון די ווערק פֿונעם אָנגעזעענעם ייִדישן אַמעריקאַנישן לינגוויסט דאַרף מען בעלי־סאָפעק אָנרופֿן דעם שעפֿערישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער שפּראַך. אונדזער מאַמע־לאָשן פֿאָרשט ער ניט ווי אַן אַרכעאָלאָג, נאָר ווי אַן אויפֿמערקזאַמער בען־דאָר, פֿאַר וועמען די איצטיקע ייִדיש־טקופֿע איז אַ נײַער און ניט קיין לעצטער רינג אין דער פֿילדוירעסדיקער גאָלדענער קייט, וואָס פֿאַרייניקט די ערשטע אַשקענאַזישע ייִדן מיט די הײַנטיקע ענטוזיאַסטן פֿון פֿאַרשיידענע העמשעך־באַוועגונגען אין אַמעריקע, ייִסראָעל, אייראָפּע, ווי אויך אין ראַטנפֿאַרבאַנד. „סע דאַרף אונדז זײַן אַקסיאָמאַטיש: מאַמע־לאָשן איז אַ לעבעדיקע, זיך בײַטנדיקע, וואַקסנדיקע שפּראַך, טאַקע אָן דעם מעלוכישן קויעך פֿון נאָרמירונג, אָן דעם רעגולירנדיקן קויעך פֿון אַ פֿולער שול־סיסטעם און פֿון אַן אייגן־שפּראַכיקער טעלעוויזיע, אָבער פֿאָרט: קוואַליטאַטיוו וואַקסט ייִדיש און סע וועט ווידער בליִען אויך. און פֿון קוואַליטעט קאָן ווערן קוואַנטיטעט"[3].

---

[1] וועגן מרדכי שעכטער און זײַן ווערק. — ניו־יאָרק, ייִדיש־ליגע, 1987.

[2] ד״ר מרדכי שעכטער. לײַטיש מאַמע־לשון. — ניו־יאָרק, ייִדיש־ליגע, 1986, ז. 340—352.

[3] דאָרט, ז. 13.

אין 1988 איז אין ניו־יאָרק דערשינען מ. שעכטערס „ענגליש־ייִדיש ווערטערביכל פון אקאדעמישער טערמינאָלאָגיע“ — א רעשימע פון קאַרעוו טויזנט טערמינען, וועלכע זײַנען אַזוי אָדער אנדערש פארבונדן מיט א לערן־פּראָצעס. די נויטווענדיקײַט אין אזא הײַנטצײַטיקער טערמינאָלאָגיע ווערט בא אונדז אויך אקטועל, באזונדערס איצט, ווען סײַ די מעלוכישע בילדונגס־אינסטיטוציעס, סײַ די ייִדישע געזעלשאפטן, סײַ סטאם ייִדן (און צומאָל אפילע ניט־ייִדן) האָבן זיך סאָפקאָלסאָף געכאפּט, אז ייִדיש איז אויך א שפּראך, וועלכע „פארדינט“, מע זאָל זי לערנען אין א שול אָדער אף קורסן.

צום באדויערן, זײַנען א סאך געבראכטע אינעם ווערטערביכל טערמינען פארבונדן מיט רעאַליעס פון דער אמעריקאנער לערן־סיסטעם, וועלכע האָבן ניט קיין דירעקטע עקוויוואלענטן אין סאָוועטישע מיטל־ און הויכשולן. דאָך קאָן א היפּשע צאָל ווערטער אויסגעניצט ווערן בא אונדז אויך.

מיר ברענגען דאָ אייניקע, לויט אונדזער מיינונג, אמערסטן אינטערעסאנטע און געלונגענע מוסטערן:

גיכ... — ускоренный (אין אזעלכע קאָנסטרוקציעס, ווי גיכקורס, גיכ־פּראָגראם אא.).

פּולעס — достижения, успехи (в учебе);
גוטע פּולעס — хорошие, высокие успехи;
קנאפּע פּולעס — плохие, низкие успехи;
טאָן (האָבן) א פּולע — делать успехи;
פּולעס־באַריכט — отчет об успеваемости.

(דאָס) ווײַזוואַרג — наглядные пособия, וואָס איז אוודע בעסער ווי די קאָנסטרוקציע „אָנשוילעכע לערן־מאכשירים“, פּונקט אזוי, ווי (דער, די) פאַרגעבהעפט — дневник (ученический) איז פּינקטלעכער פון דער קאלקע „שילער־טאָגבוך“.

מיט־טאַלמיד — соученик; דער דאָזיקער טערמין איז ברייטער פון „מיטשילער“, „שול־כאַווער“ און „קלאס־כאַווער“, וואָס עס איז שווער אויסצוניצן, ווען מע דארף אָנרופן, אשטייגער, סטודענטן פון איין אינסטיטוט־גרופּע.

(די) מייע־דייע — влиятельные круги, истеблишмент. כאָטש דאָס וואָרט איז ווייניק פארבונדן מיט דער שול־טערמינאָלאָגיע, ווילט זיך אָבער אָפּמערקן דעם אינטערעסאנטן נעאָלאָגיזם, וועלכער איז געשאפן געוואָרן אפן סמאך פון אייגענע שפּראך־רעסורסן (פארגלײַכט: ווער עס האָט די מייע, האָט די דייע).

אָוונט־סטודענט(קע) — студент-вечерник (вечерница)
זייגערנע שעה — астрономический час
באַהויזונג — жилищное строительство, обеспечение.

жильем איז געווים בעסער פונעם דײַטשמעריזם „ווינהײַזער־בויונג״.

(דאָס) קינדער־גאָרטנעלע — детсадовский домик

(דער) פרײַ־קינדער־גאָרטן — ясли (אָנשטאָט „יאסלעס״ אָדער „זויגהיים״).

פאַרענדיקן אָט די קורצע נאָטיץ ווילט זיך מיט צוויי האָפענונגען:

ערשטנס, האָפן מיר אינגיכן ווידער האָבן פּראָפעסיאָנעלע לינגוויסטן, וועלכע וועלן נעמען אַף זיך די לייזונג פון ייִדישע שפּראַך־פּראָבלעמען, דערין די פּראָבלעם פון ווערטער־שאַפונג;

צווייטנס, אז אונדזער עקאָנאָמישע סיטואַציע וועט דערלויבן קויפן אין אויסלאַנד באַליביקע ייִדישע אויסגאַבעס, ווײַל א מאנגל אין ביכער, זשורנאַלן און צײַטונגען איז ניט ווייניקער אומווירדיק, ווי א מאנגל, לאָמיר זאָגן, אין זייף אָדער צוקער. שוין אָפּגערעדט וועגן דעם יוישער: זיי קאָנען אונדז לייענען, און מיר... קאָנען דערווײַל לייענען בלויז רעצענזיעס וועגן זיי...

גענאַדי עסטרײַך

א נײַער בוך:

כאָנע שמערוק

פּראָקים פון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע

טעל־אוויוו, י.־ל. פּערעץ־פאַרלאַג, 1988

אין זײַן נײַעם בוך באַהאַנדלט דער באַוווּסטער פאָרשער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּראָפעסאָר פונעם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים כאָנע שמערוק אייניקע וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע. דאָס איז א זאַמלונג פון די נײַע דערגרייכונגען פון כ. שמערוקס פאָרשונגען. דער מעכאַבער שטעלט זיך אָפּ אַף פאָלגנדע טעמעס: אָנהייבן פון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור; ייִדישע זמירעס; ייִדישע שפּילמאַנס; כסידעס און האַסקאָלע; טאַנאַך אין דער ייִדישער ליטעראַטור; ייִדישער ליטעראַטור־צענטער אין וואַרשע. אין דער האַקדאָמע צו זײַן בוך שרײַבט פּראָפ. שמערוק, אז ער זעצט פאָר די פאָרשונגען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אין זייערע ווערק די גרויסע ייִדישע געלערנטע י. צינבערג, ע. שולמאַן, מ. עריק, מ. ווײַנרײַך.

ארום דער פּראָבלעם פון מאַמע־לאָשן

די פראגן פון אינטערנאציאָנאליזם, פריינטשאפט צווישן די פעלקער פון אונדזער לאנד באומרויקן היינט פיל מיליאָנען סאָוועטישע מענטשן. וועגן דעם שרייבן די צייטונגען, עס פירן זיך שטרייטן אף דער ערשטער סעסיע פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר. ס׳גייען דיסקוסיעס, מענטשן זוכן דעם עמעס: פאר־וואָס האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן אזוי פארשארפט די צווישננאציאָנאלע באַציונגען, וועלכע ווערן פארוואנדלט אין אייניקע ערטער אין נאציאָנאלע טראַגעדיעס (די געשעענישן אין נאגאָרני קאראבאך, אין גרוזיע, אוזבעקיסטאן)? עמעצער האלט, אז די פארנאכלעסיקטקייט אין דער סאָציאלער ספערע, דער מאנגל אין וווינונגען אאוו. זיינען די סיבעס, וואָס איין פאָלק באציט זיך צום אנדערן אומפריינטלעך. אנדערע זאָגן, אז די גאנצע צאָרע ליגט אין דער שווע־רער יערושע פונעם סטאליניזם, זי האָט געבראכט פיל פעלקער, וואָס לעבן אין אונדזער לאנד, צו נאציאָנאלע טראגעדיעס. די באליידיקטע קרימער טאָ־טערן, ביי־וואָלגער דייטשן און אנדערע, ארויסגעזעצטע פון זייער ערד, צעזייטע איבערן גאנצן פארבאנד, האלטן אין פארלירן זייער שפראך און די נאציאָנאלע קולטור. נאָר מע דארף זאָגן, אז אלע איבעריקע פעלקער זיינען אויך געווען גאנץ באגרענעצט אין לערנען זייער שפּראך, אין אָפּריכטן נאציאָנאלע ריטואלן. עס זיינען אוודע פאראן נאָך סיבעס, איבער וועלכע עס לייגן זיך היינט צו־נויף אזוי שווער די צווישננאציאָנאלע באציונגען. איבער דער דאָזיקער פראגע ארבעטן די געלערנטע, און עס גלייבט זיך, אז זיי וועלן געפינען דעם אָביעק־טיוון עמעס.

ניט גאָר פּאָשעט האָט זיך צונויפגעלייגט דאָס לעבן אויך פונעם יידישן פאָלק. די ערד, וואָס דער אלרוסלענדישער צענטראלער אויספיר־קאָמיטעט האָט אויסגעטיילט פאר א יידישער אווטאָנאָמער געגנט, וואָלט געדארפט ברענגען שעפע און פרוכט. אזוי וואָלט עס טאקע זיכער געווען, ווען ניט די סטאלינישע פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס האָבן פארשטעקט אין טפיסע, צעשאָסן דאָס בעסטע פון דער נאציע, די געניטע האָרעפּאשניקעס פון דער לאנדווירטשאפט און אינ־דוסטריע, שוין אָפּגערעדט פון דער אינטעליגענץ, אָן וועלכער עס קאָן ניט

עקזיסטירן קיין איין ציוויליזירטע געזעלשאפט. די אָפּעראַציע אונטערן פֿאַרקאַדירטן נאָמען „קאָסמאָפּאָליטיזם" האָט פֿאַרניכטעט דעם ביראָבידזשאַנער יידישן טעאַטער, וועלכער האָט געהאַט אין זײַן באַשטאַנד אַזעלכע אויסגעצייכנטע אַרטיסטן ווי גראָס, קאַטוינטי, שוואַל און פֿיל אַנדערע. דעם פֿאַרלוסט, וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן פֿאַרפֿאָלגן אַרטיסטן, מוזיקאַנטן, שרײַבער, פּאָעטן, איז אוממעגלעך אונטערצורעכענען.

נאָך סטאַלינס טויט איז געמאַכט געוואָרן ניט איין פּרוּוו אין וועלכער־ניט־איז מאָס אופֿצושטעלן די יידישע נאַציאָנאַלע קולטור, נאָר זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויפֿן ווידערשטאַנד פֿונעם ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט. אין אַן אינטערוויו, וואָס איז געווען פּובליקירט דעם 9 אַפּרעל 1958 י. אין דער פֿראַנצויזישער צײַטונג „לע פֿיגאַראָ", האָט כרושטשאָוו געמאָלדן, אַז דאָס ווידערגעפֿיל בײַ יידן צו קאָלעקטיווער מי און צו גרופּן־דיסציפּלין האָבן גוירעם געווען דעם אומגעלונגענעם פּרוּוו צו שאַפֿן אַ יידישן יישעוו אין ביראָבידזשאַן... איך דערמאָן וועגן דעם ניט מאַכמעס איך האַלט, אַז מײַן פֿאָלק האָט געליטן מער פֿון אַנדערע. ניין, נאָר מיר איז נעענטער דער ווייטיק פֿון מײַן פֿאָלק. איך ענטפֿער אויך יענע, וואָס פּרוּוון פֿאָרשטעלן הײַנט דעם איניען אַזוי, אַז די יידן ווילן קלוימערשט ניט זיך אומקערן צו זייער קולטור און צו זייער שפּראַך. דאָס איז, ווייך גערעדט, פֿאַשעט ניט עמעס. ניט איבער דער שולד פֿונעם יידישן מאַסנמענטש איז נעלעם געוואָרן דאָס, וואָס האָט אים געהערט פֿון געבורט, דאָס, וואָס איז געווען אײַנגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך.

ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, שווער ווידערופֿשטעלן אָפּסנײַ די קולטור, אײַנפֿלאַנצן ליבע צו דער שפּראַך, מע דאַרף האָבן מעכטיקע לונגען, קעדיי צעבלאָזן דעם פֿלאַם פֿון אַ קוים־צאַנקענדיק פֿײַערל. נאָר מיר, די, וואָס קענען יידיש, זײַנען מעכויעוו טאָן אַלץ, קעדיי עס זאָלן דערלערנען די שפּראַך אַלע, וואָס ווילן עס, און אין דעם זין באַקומען מיר הײַנטצוטאָג אין ביראָבידזשאַן די הילף מיצאַד דעם געגנטקאָם פֿון דער פּאַרטיי און פֿונעם געגנטלעכן אָפּטייל פֿאַר בילדונג.

איך האָב זיך ערשט אומגעקערט פֿון מאָסקווע, ווו עס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ סעמינאַר, געווידמעט דער מעטאָדיק פֿון אונטעריכטן יידיש. לעקציעס האָבן געלייענט דער לינגוויסט שימען סאַנדלער, דער אײַנגעלאַדענער פֿון פּשאַ פּעדאַגאָג דאָוויד פֿישמאַן. אַן איבערזיכט איבער דער נאָכאָקטיאַבערישער יידישער ליטעראַטור און פֿעריאַדיק האָט געמאַכט כאַיִםביידער, דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אויפֿן סעמינאַר זײַנען בײַגעווען פּעדאַגאָגן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט דער יידישער שפּראַך אין קיִעוו, אָדעס, זשיטאָמיר, מאָסקווע, ביראָבידזשאַן, בעלץ. פּאַראַלעל זײַנען פֿאַר די צוהערער אָרגאַניזירט געווען באַם מאָסקווער

אינסטיטוט פאַר פאַרפּולקומען לערער באַזונדערע שמועסן און לעקציעס, געלייענטע פון ייִשׂראלדיקע פּראָפעסאָרן און לעקטאָרן.

שוין דער פאַקט אַליין פון אָרגאַניזירן די קורסן פאַר דער מעטאָדיק פון אונטעריכטן ייִדיש באַם מאָסקווער אינסטיטוט פאַר פאַרפּולקומען לערער, זאָגט איידעס וועגן דעם, אַז דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע גיט מען באַ אונדז צו אַ מעלוכישן באַדײַט.

די איבערבויונג און די דעמאָקראַטיזאַציע פון דער געזעלשאַפט האָבן באַוויזן, אַז די פּראָבלעמען פון צווישנאַציאָנאַלע באַציִונגען, קולטור און שפּראַך ווערן אויף אַזויפיל אַקטועל, אַז אָן זייער לייזונג ווערט אוממעגלעך דער רעוואָליוציאָנערער פּראָצעס פון דער איבערבויונג. הײַנטצוטאָג פּרוּווט מען אויך אין בירָאבידזשאַן לייזן די פּראָבלעם פון לערנען ייִדיש, נאָר טוען טוט זיך עס, לויט מײַן מיינונג, זייער לאַנגזאַם.

פאַרשטייט זיך, אַז די פּראָבלעם איז קאָמפּליצירט. עס איז ניטאָ און עס קאָן נאָך דערווײַל ניט זײַן קיין איינשטימיקייט. אָט האָט די „בירָאבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ” איבערגעדרוקט פון דער צײַטונג «Советская Россия» אַן אַרטיקל פון וו. אי. ראַבינאָוויטש, דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן. מיר איז שווער צו שטרײַטן מיט אַזאַ געלערנטן אויטאָר. נאָר זײַנע געדריידלטע כקירעס וועגן שפּראַך, וועלכע ער באַמיט זיך דורכשטופּן דורך קאָמפּליצירטע לאַבירינטן, פאַרטיידיקנדיק די סטאַליניסטישע טעאָריע וועגן דעם, אַז אַלע ייִדן דאַרפן זיך אונטערוואַרפן דער גרעסערער שפּראַך פונעם פאָלק, אויף דער טעריטאָריע פון וועלכן זיי לעבן, האָט באַ מיר אַרויסגערופן אַ שאַרפן ווידערגעפיל. די שפּראַך איז דער וויכטיקסטער פון די וואָרצלען פון אַ פאָלק. אויב עס איז פאַראַן אַ שפּראַך — איז פאַראַן אַ פאָלק. ניטאָ קיין שפּראַך, איז ניטאָ קיין פאָלק. אָט ווי עס דריקט זיך אויס דער פאָלקס־דיכטער פון דאַגעסטאַן ראַסול גאַמזאַטאָוו: „אויב מאָרגן וועט מײַן שפּראַך פאַרשווינדן, בין איך גרייט הײַנט שטאַרבן...”

זאָל דאָס זײַן אַן ענטפער דעם פילאָסאָף ראַבינאָוויטש.

אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט זײַנען פאַראַן זייער ווייניק מענטשן, פעיִקע צו אונטעריכטן ייִדיש. די פּראָבלעם וואָלט געקאָנט לייזן דער פּעדינסטיטוט, וועלכער האָט שוין אָנגעהויבן אַרבעטן. ער דאַרף אומגעזאַמט שאַפן אַ פאַקולטעט אָדער אַ פאַקולטאַטיוו, וואָס זאָל אין די נאָענטסטע יאָרן אַרויסלאָזן כאָטשבי עטלעכע צענדליק לערער, נאָר די דערלייזונג פון דער דאָזיקער פּראָבלעם האָט מען אָפּגעלייגט אין דער פּערספּעקטיוו, ווײַל ס'איז, ווײַזט אויס, אַ סאַך פּאַשעטער אָנצונעמען סטודענטן אויף די געוויינלעכע פאַקולטעטן. קעדיי צו אָרגאַניזירן פאַרנעמונגען אין ייִדיש, פאָדערן זיך אייניקע אָנשטרענגונגען. מע זאָגט, אַז דער רעקטאָראַט און דער רעקטאָר זײַנען גרייט אָנצוהייבן אַזאַ

אַרבעט, נאָר זיי האָבן דערוויַיל נאָך ניט באַקומען קיין איַינשטימיקייַט פֿון דעם מיניסטעריום פֿאַר בילדונג פֿון רספֿסר...

די פּראָבלעם פֿון ייִדיש פֿאָדערט אַן אומגעזאַמטע לייזונג. לאָמיר גלייבן, אַז די פּאַרטיייִשע און סאָוועטישע אָרגאַנען פֿון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט וועלן אויסקלאָרן, ווער עס טאָרמאָזירט דעם איניען. ס'איז אויך נייטיק, אַז דער מיטגליד פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿסר פּ. א. כיטאָן, א בירָאָביד־זשאַנער, זאָל זיך איַינשליסן אין דער לייזונג פֿון דער דאָזיקער פּראַגע, קעדיי יעדערער, ווער עס וויל לערנען ייִדיש, זאָל באַקומען אַזאַ מעגלעכקייַט.

נ. וואָראָנינא,
קאָרעספּאָנדענט פֿון
דער געגנטלעכער ראַדיאָ

אין 1990 יאָר עפֿנט זיך אינעם בירָאָביד־זשאַנער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט א נייַע אָפּטיילונג — „ייִדישע שפּראַך און ליטעראַ־טור, ענגלישע שפּראַך". מיר ווענדן זיך צו אַלעמען, ווער עס קאָן אונדז העלפֿן מיט וויסנשאַפֿטלעך־מעטאָדישער שטיצע אין צו־גרייטן לערן־מאַטעריאַלן אין געביט פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, ווי אויך ביכער פֿאַר דער ביבליאָטעק. אונדזער אַד־רעס:

682200, Биробиджан,
ул. Широкая 70а, БГПИ.
тел. 6-01-46

צו די שפּראַך־פּראָבלעמען אין ייִשׂראל

מע קאָן ניט זאָגן, אַז די פּראַגע פֿון ייִשׂראלס נאַציאָנאַלער שפּראַך איז ניט קיין אָנגעווייטיקטע. געגוג צו דורכשפּאַצירן זיך איבער טעל־אוויוו און איבער אַנדערע שטעט, איבערלייענען די שילדן, באַקאַנען זיך מיט די רעקלאַמעס אין דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, ביכדיי צו איבערצייַגן זיך, וואָס פֿאַר אַ געפֿאַר עס דראָט דעם אויפֿגעלעבטן איווריט. לייַכט וועט איר קומען צום אויספֿיר, אַז די אַמעריקאַניזירונג פֿונעם לאַנד ברענגט ניט נאָר צום פֿאַרשמוצן די וואַסערן פֿון כייַפֿע דורך די אַמעריקאַנער קריגס־שיפֿן, וואָס באַזירן זיך דאָרט, נאָר נאָך מער צום פֿאַרשמוצן דעם טאָגטעגלעכן איווריט. די שילדן מיט דעם אויפֿשריפֿט „כהן עט לוי", די נעמען דיזנגוף־צענטער...־טורם צוזאַמען מיט דעם פּאָפּולערן „אָ־קיי" און „בייביסיטער" זייַנען געוואָרן אַ באַווייַז. ווער פֿון אונדזערע אויפֿגעקומענע גווירים (איך האָב קימאַט ניט געזאָגט „נוווּאָרישן") איז „אין" אָדער „אַאוט". בען־יעהודע וואָלט זיכער באַקומען אַ האַרץ־שלאָג, ווען ער וואָלט זיך דורכשפּאַצירט דורך דער טעל־אוויווער גאַס, וואָס טראָגט זייַן נאָמען, און איבערגעלייענט די שילדן, וואָס הענגען דאָרט...

אונדזערע נאַציאָנאַלע פֿירער קאָנען ניט פֿאַרשטיין, אַז עקאָנאָמיש־פּאָליטישע אונטערטעניקייַט ברענגט צו קולטורעלער און שפּראַך־אונטערטעניקייַט. און דאָ וועט גאָרניט העלפֿן...

און נאָך איין זאַך, פֿאַרבונדן ניט אַזוי מיט דער העברעיִשער שפּראַך, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען טכיִעס־האַמייסים נאָך 2000 יאָר אַלס שפּראַך פֿון דער ייִדישער מעדינע, ווי מיט אַן אַנדער נאַציאָנאַלער שפּראַך פֿונעם ייִדישן פֿאָלק (און אַפֿילע צוויי שפּראַכן, ווייַל ס׳האַנדלט זיך אויך אין לאַדינאָ), מיט וועלכער די מערהייַט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק האָט אין פֿאַרלויף פֿון טויזנט יאָר געאָטעמט און אין וועלכער דאָס פֿאָלק האָט געשאַפֿן זייַן אייגנאַרטיקע קולטור — ייִדיש.

געקירצט.

היטלערן איז געלונגען, אויסמאָרדנדיק 6 מיליאָן טרעגער און שעפער פון דער דאָזיקער שפּראַך, קימאַט אויסצוראָטן זי. אָבער, ווי באַשעוויס־זינגער האָט געזאָגט בייסן באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע פאַר זײַן שאַפונג אין יידיש: יידיש האָט מען שוין ניט איין מאָל געפּרוווט באַגראָבן (צוזאַמען מיט די יידן), אָבער די דאָזיקע שפּראַך לעבט און וועט זיכער פאַרזעצן צו עקזיסטירן, צוגלײַך ווי דאָס יידישע פאָלק.

און אַפּאַנעמעסן האָט זיך אין די לעצטע יאָרן געלאָזט באַמערקן אַ געוויסער רענעסאַנס פון יידיש. אפילע אין ייסראָעל. אויב אין די ערשטע יאָרן איז אין ייסראָעל געפירט געוואָרן אַן אַקטיווער קאַמף קעגן יידיש, ווערט איצט די טעטיקײַט אַפן געביט פון יידישער קולטור טאָלערירט, און אין אַ געוויסער מאָס אונטערשטיצן זי אפילע אָפיציעלע קרײַזן. איינער פון די אויסדרוקן פון דעם איז דאָס, וואָס אין אייניקע שולן איז איינגעפירט געוואָרן דאָס לערנען יידיש אַלס צוגאָב־שפּראַך אַ פּאָר שאָ אין דער וואָך (אויך לאַדינאָ). זעט אויס, אַז די אַקטיווע קעמפער קעגן יידיש אין ייסראָעל זײַנען געקומען צום אויספיר, אַז סײַוויסײַ איז יידיש פאַרורטיילט צום טויט, און דעריבער, ווי יעדער פאַרמישפּעטער צום טויט, האָט זי פאַר דער עקזעקוציע אויך רעכט אַף אַ „לעצטן סיגאַרעט". אָבער לערנען יידיש אין ייסראָעל־שולן? שאַפן אַזויאַרום אַ מעגלעכקײַט פאַרן אופלעבן די שפּראַך אין דער צוקונפט מיצאַד יונגע קאַדרען יידיסטן? דאָס האָבן זיי שוין ניט געקענט אַראָפּשלינגען. דעריבער איז דער פאָרזיצער פון דער בילדונגס־ און קולטור־קאָמיסיע פון דער קנעסעט, דער שריפטשטעלער און אָפיציעלער ביאָגראַף פון בען־גוריאָן דאָקטאָר פון געשיכטע, מיטגליד פון דער „אַוואָדאַ"־פּאַרטיי באַר־זאָהאַר אַרויס מיט אַן אָפיציעלער דערקלערונג, אַז מע דאַרף ליקווידירן די געציילטע שאָען פון יידיש (און אויך פון לאַדינאָ) אין די שולן, ווײַל... דאָס איז אַ פאַרשווענדונג פון מעלוכישע געלטער (!!!). דאָס לערנען יידיש און לאַדינאָ (אפילע אין אַזאַ באַגרענעצטער, קימאַט נישטיקער מאָס) די קינדער פונעם יידישן פאָלק אין דער מעדינע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אַ גרויסער מאָס אַדאַנק די 6 מיליאָן יידיש־ריידער, איז באַצייכנט געוואָרן דורך אַן אָפיציעלער פּערזענלעכקײַט אין דער מעדינע אַלס פאַרשווענדונג!

טיפּשעס? כוצפּע? גרינגשעצונג פון דער געשיכטע און קולטור פונעם אייגענעם פאָלק? אַלץ צוזאַמען. אַ בושע און אַ כאַרפּע!

א ל ע ק ס א נ ד ע ר
(„דער וועג")

לערער פון ייִדיש־קורסן:
מיר טיילן זיך מיט אונדזער דערפאַרונג

מיכאַיל רעזניק

כויר שפּילן

אין כאַרקאָוו, באַם קולטור־פּאַלאַץ «Связь», זײַנען אין נאָיאַבער 1988 אָרגאַניזירט געוואָרן צוויי גרופּעס אַף דערלערנען ייִדיש. בלויז דרײַ טעג איז געהאַנגען די מעלדונג, אַז אַזעלכע קורסן וועלן אַרבעטן, אָבער דאָס איז געווען גענוג, ס׳זאָלן זיך פאַרשרײַבן צענדליקער מענטשן: אַלטע און יונגע, סטודענטן און אינזשעניערן, לערער און אַרבעטער, שילער פון 7 — 8 קלאַס.

די טאַלמידים פון די ייִדישע גרופּעס (50 מענטשן) האָבן נישט נאָר ניט געקענט שרײַבן און לייענען אַף ייִדיש — זיי האָבן ניט געוווּסט קיין איין ייִדיש וואָרט. אָבער אַלע האָבן געהאַלטן אין איין פרעגן, וויפל צײַט דאַרף מען, מע זאָל זיך אויסלערנען שרײַבן, לייענען און רעדן אַף ייִדיש. די פראַגע האָט באַוויזן, ווי גרויס איז זייער פאַרלאַנג וואָס גיכער באַהערשן די ייִדישע שפּראַך.

קעדיי לייזן די אויפגאַבע, וועלכע אונדזערע טאַלמידים האָבן געשטעלט פאַר זיך, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מע דאַרף באַנוצן אַ מעטאָד פונעם לערנען, וועלכער קאָן געבן אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט אין אַ קורצער צײַט. אַזאַ מעטאָד איז בײַ אונדז געוואָרן אַ שפּיל־סיטואַציע.

די שפּיל־סיטואַציעס האָבן מיר אָנגעהויבן אויסניצן אין פעוורואַל כוידעש, דאָס הייסט נאָך דעם, ווי מיר האָבן שוין געלערנט 3 כאַדאָשים, און יעדער טאַלמיד האָט שוין געהאַט אַ געוויסן וואָקאַבולאַר.

מיר האָבן געשאַפן עטלעכע סצענאַרן פון אונדזערע שפּילן.

די ערשטע שפּיל האָט זיך אָנגערופן: „מיר פאָרן קיין מאָסקווע". עטלעכע טאַלמידים האָבן באַוויזן, אַז אין מאָסקווע איז זייער שווער זיך אײַנאָרדענען אַף צו וווינען. איינער אַ טאַלמיד האָט געזאָגט, אַז אין אָדעס לעבט זײַן שוועסטער, וועלכע וועט קאָנען העלפן געפינען אַ וווינונג פאַר 10—12 מענטשן.

און אונדזער גרופּע טיילט זיך אַף צוויי גרופּעס: איינע פֿאָרט קיין מאָסקווע, די צווייטע — קיין אָדעס. יעדע גרופּע האָט אויסגעטיילט פֿאַראַנטוואָרטלעכע, וועלכע האָבן געדאַרפֿט קויפֿן אײַזנבאַן־בילעטן, פּראָדוקטן אַף דעם וועג, דאָס הייסט, אַז זיי דאַרפֿן גיין אין גאַסטראָנאָם. מע האָט אויך געדאַרפֿט האָבן קאָ־סירן אין גאַסטראָנאָם און אַפֿן וואָקזאַל, ווי אויך פּאַרקויפֿערס, קאָנדוקטאָרן אאַז״וו. און אַלע האָבן געדאַרפֿט רעדן נאָר אַף ייִדיש. דעריבער האָט יעדערער געגרייט צו דער שפּיל פֿראַגעס און ענטפֿערס. די קאָנדוקטאָרן האָבן אַפֿילע צוגעגרייט קליינע געדיכטן וועגן זייער אַרבעט.

יעדערער האָט זײַן ראָל אויסגעשפּילט מיט גרויסן אינטערעס. אַף דעם דריטן לימעד האָבן מיר באַהאַנדלט דעם אײַנדרוק פֿון „זײַן" אין מאָסקווע אָדער אין אָדעס. עס איז געווען זייער אינטערעסאַנט צו הערן, ווי די מענטשן, וועלכע האָבן ערשט ניט לאַנג ניט געקענט קיין איין וואָרט זאָגן, רעדן און דערציילן אַף ייִדיש, וואָס מיט זיי איז, קלוימערשט, פֿאָרגעקומען אין די עטלעכע טעג.

קעדיי פֿאַרפֿעסטיקן דעם פּאָזיטיוון רעזולטאַט פֿון דער ערשטער שפּיל, האָבן מיר אָנגעהויבן גרייטן די צווייטע שפּיל: „אַ כאַסענע".

באַ אונדז אין די גרופּעס האָבן זיך געלערנט ייִנגלעך און מיידלעך פֿון 20—25 יאָר. עס זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן צוויי פּאָר: צוויי קאַלעס און צוויי כאַסאַנים. לויטן צוגעגרייטן סצענאַרי האָט יעדער טאַלמיד באַקומען זײַן ראָל: עמעצער האָט געדאַרפֿט באַקאַנען די קאַלעס מיט די כאַסאַנים, אַנדערע זײַנען געווען מוטערס און פֿאָטערס פֿון די קאַלעס און כאַסאַנים, מומעס, פֿרײַנט, מיטאַרבעטער אאַז״וו.

מיר האָבן געשפּילט אַזעלכע בילדער: 1) די באַקאַנטשאַפֿט; 2) דער ערשטער וויזיט צו דער קאַלע און אַ באַגעגעניש מיט די עלטערן; 3) דאָס דערקלערן זיך אין ליבע; 4) אין „זאַגס"; 5) כאָסן־קאַלע פֿאַרבעטן אַף דער כאַסענע; 6) די כאַסענע. די שילערן, וועלכע האָט באַקומען די ראָל פֿון דער פֿאַרוואַל־טערן פֿון „זאַגס", האָט איבערגעשריבן דעם „מאַזלטאָוו" פֿון אַן „עמעסן ЗАГС», די גאַנצע דראָשע איבערגעזעצט אַף ייִדיש און האָט זי געהאַלטן בײַם דעם אַקט פֿון רעגיסטראַציע.

באַזונדערס וואָלט מען געדאַרפֿט באַשרײַבן די כאַסענע, דאָ האָבן די קאַלעס און כאַסאַנים באַוויזן זייערע רעזולטאַטן פֿון באַהערשן די ייִדישע שפּראַך. אָנהייבן פֿון דעם, וויאַזוי זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען און האָבן געבעטן קומען צו זיי אַף דער כאַסענע, זייערע ענטפֿערס אַף די באַגריסונגען.

ניט ערגער האָבן אויסגעזען מיט זייער קענען די ייִדישע שפּראַך די מומעס און פֿעטערס, די עלטערן, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט טאָסטן און דראָשעס. אַ כאַסענע האָבן מיר געמאַכט זייער אַ שיינע און אַ פֿריילעכע — מיט

מוזיק, לידער און טענץ. ס׳האָט זיך אַלעמאָל געהערט די ליד: „לאָמיר אַלע אינײנעם דעם כּאָסן (די קאַלע) מעקאַבל־פּאָנעם זײַן".

די טישן זײַנען אויך ניט געווען ליידיק: טאָרטן און קאָנפעטן, טשאַשקעס מיט טיי, עפּל און לימענעס. מע האָט זיך אַפילע געקושט. יעדער האָט געוואָלט באַווײַזן זײַנע דערפאָלגן פון באַהערשן די ייִדישע שפּראַך פאַר אַ קורצער צײַט.

די דריטע שפּיל האָבן מיר אָנגערופן „אײַער פּראָפעסיע". יעדער האָט געדאַרפט דערציילן אַן עפּיזאָד פון זײַן אַרבעט. מיר האָבן צוגעקליבן יעדערן צוויי אָפּאָנענטן, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרגעבן פראַגעס און אָפּשאַצן דאָס וויסן די ייִדישע שפּראַך. די לערער פון מאַטעמאַטיק האָבן געפירט לימודים פון מאַטעמאַטיק, סטודענטן האָבן דערציילט וועגן זייערע לערער, וועגן דער לאַגע אין די גרופּעס, אין וועלכע זיי לערנען. מיט אַ שמייכל, מיט אַ וויץ, ס׳זאָל זײַן פריילעך און אינטערעסאַנט.

אַלע צוהערער האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער שפּיל, העלפן די לערער פון ייִדישער שפּראַך אין זייער אַרבעט.

דער פאַרלאַג „מאַליש" — פאַר די ייִדיש־לערנער

דער מאָסקווער פאַרלאַג „מאַליש" האָט פאַרענדיקט די צוגרייטונגס־אַרבעט אַף אַרויסצוגעבן הילפס־מאַטעריאַלן פאַר די קינדער, וועלכע הייבן אָן צו לערנען ייִדיש: „באַוועגלעכער ייִדישער אַלעפבייס", „ייִדישער אַלעפבייס אין בילדער", „ייִדישע גלײַכווערטלעך", „רעטענישן" און לייב קוויטקאָס לידער־זאַמלונג „די הוידלקע".

אַלע אויסגאַבעס וועלן דערשײַנען אין ערשטן קוואַרטאַל פונעם 1990 יאָר.

דער צונויפשטעלער פון די ביכלעך איז כאַים ביידער.

זיַיט באַקאַנט

ליאָניע ראָזענטול
דער נײַניאָריקער לאורעאַט

ליאָניע ראָזענטול איז א נײַער שטערן, וואָס איז אופגעגאנגען אף אונדזער לוואָווער הימלראנד. א נײַ שטערנדל, נאָך גאָר א יונגס, בלויז נײַן יאָר אלט, אָבער שײַנען שײַנט ער שוין, קיין אײַנהאָרע, ווי אן עכטער שטערן פונעם ערשטן גראד.

אָט הערט, ווי ליאָניע זינגט:

בין איך מיר א ציגעלע,
שײַן, ווי די לעוואָנע.
טראָג איך אײַך א ניגנדל,
פאר מענטשן א מאַטאָנע.
ציגע, ציגע, צאקא,
ציגע־צאקע, ציגע־צאקע,
ציגע, ציגע, צאקא,
ציגע־צאקא, ציג...

און עס לויפט, דאָס ציגעלע, כ׳מיין דאָס קינד, איבער דער בינע מיטן מיקראָפאָן אין דער האנט, לויפט און טאנצט און זינגט, און עס איז מאָלע טאם.

אָדער נאָך א לידל:

דו מיידעלע דו מײַנס, דו מיידעלע דו שיינס,
איך וועל דיך עפּעס פרעגן, א רעטעניש א קליינס,
וואָס איז העכער פון א הויז?
וואָס איז פליַנקער פון א מויז?
דו נארישער באָכער, דו נארישער כלאָפּ!
האָסט דאָך ניט קיין סייכל אין דײַן קאָפּ!
דער רויך איז העכער פון א הויז,
א קאץ איז פליַנקער פון א מויז.

„כלאָפּ“ איז א וואָרט, וואָס אין אנדערע וואַריאַנטן פון דער באַרימטער „טום־באלאלײַקע“ וועט איר ניט געפינען. און דאָס איז א בוילעטער סימען, אז דאָס דאָזיקע לידל איז געבוירן געוואָרן אין דער אוקראַיִניש־ייִדישער גאליציע.

טאָמער אָבער ווילט איר הערן נאָך געגראַמטע רעטענישן, איז ביטע:

וואָס פליט אָן פליגל?
וואָס מויערט מען אָן ציגל?
שניי פליט אָן פליגל.
דער פראָסט מויערט אָן ציגל.

דערנאָך באַווײַזט ליאָניע ווי דער רעבע טאנצט:

שא, שטיל, מאכט נישט קיין גערודער,
דער רעבע גייט שוין טאנצן ווידער.
שא, שטיל מאכט נישט קיין געוואלד,
דער רעבע גייט שוין טאנצן באלד!..

ליאָניע האָט ניט ליב זינגען אלעמאָל די זעלבע לידער. באשטעלט ער בא מיר א נײַע ליד. און מע קאָן אים ניט אָפּזאָגן. ווײַל לייבעלע איז אונדזער טרייסט, אונדזער צוקונפט. און ער זינגט:

טאנצט זשע, קינדערלעך, געטרײַ,
לוסטיק טאנצט זשע, פראנק און פרײַ,
זאָל א שאל טאָן די מוזיק,
שעפּט זשע נאכעס, פרייד און גליק!

אין זאל זיצן מאמעס און טאטעס, און צווישן זיי ליאָניעס מאמע — גאלינע און זײַן טאטע — באָריס ראָזענטול. זיי קוקן אף זייער בעניאָכידל מיט פארליבטע אויגן און שעפּן טאקע נאכעס. באנאנד מיט זיי שעפּט נאכעס אויך זײַן לערער און פרײַנט, מיטגליד פונעם ראט פון אונדזער שאָלעם־אליכעם־געזעלשאפט — מיילעך שויכעט. ער איז בא אונדז איינער פון די ענטוזיאַסטן פון דער אויפלעבונג פון דער ייִדישער קולטור.

און אָט איז ליאָניע געוואָרן א לאורעאט אפן פעסטיוואל פון פּאָפּולערער ליד אין דער פּוילישער שטאָט ביאליסטאָק. וועגן דעם און ביכלאל וועגן ליאָניען שרײַבט מען שוין אין די צײַטונגען „סאָוועטסקאַיא קולטורא“, „קאָמסאָמאָלסקאַיע זנאמיא“, „וואשינגטאָן פּאָסט“ און אנד. מיר האָבן אים שוין געהערט דורך ראַדיאָ, געזען אפן טעלעוויזיע־עקראַן.

מיר זאָל זײַן פאר דיר, לייבעלע־ליאָניעטשקע!

אלעקסאנדער ליזען

בריוו פון אונדזערע לייענער

* * *

אין די נײַע באַדינגונגען פון עפנטלעכקײַט און דעמאָקראַטיזאַציע פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן שטײַגט דער אינטערעס פון דער יוגנט צו דער ייִדישער קולטור און געשיכטע, ווי אויך צו דער שפּראַך, אַף וועלכער דאָס פֿאָלק האָט גערעדט אין פֿאַרלויף פון הונדערטער יאָרן. דער אַמערסטן איבערצײַגעוודיקער פֿאַקט איז דאָס, וואָס אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור זײַנען אָנגעקו־מען יונגע פרישע קויכעס: דיכטער, פּראָזאַיקער, זשורנאַליסטן, קאָמפּאָזיטאָרן. זיי אַלע זײַנען געבוירן געוואָרן נאָך דער מילכאָמע, ווען קיין ייִדישע שולן זײַנען ניט געווען, נאָר זיי האָבן אויסגעלערנט די שפּראַך אַף אַזויפיל, אַז זיי קאָנען זיך פאַרנעמען מיט ליטעראַרישער טעטיקײַט.

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט פון אָנהייב יאָר זיך מער אַקטיווי־זירט אין זין פון באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון אופלעבן די ייִדישע קולטור. ער טוט אַלץ, קעדיי אַרויסרופן אַן אינטערעס צו דער ייִדישער ליטעראַטור, צו דער ייִדישער שפּראַך. ברייט און פאַרשיידנאַרטיק זײַנען געוואָרן די אינפאָרמאַטיווע פּובליקאַציעס און אַנדערע מאַטעריאַלן.

און אָט ווידער אַ דערפרייענדיקע נײַס! אַלס בײַלאַגע צו „סאָוועטיש היימ־לאַנד״ וועט אַרויסגיין אַ „זשורנאַלעכל אינעם זשורנאַל״ מיט אַן אייגענעם נאָ־מען „יונגוואַלד״ — פאַר די יונגע לייענער און שרײַבער־אָנפאַנגער. די לייענער פון „ס. ה.״ האָבן שוין באַקומען דעם ערשטן נומער. און מע קאָן אַרויסזאָגן אונדזער מיינונג וועגן אים. ער איז אונדז זייער געפעלן. מיט וואָס? מיט אַ סאַך. צום אַלעם ערשטן מיט דעם, וואָס ער וועט זײַן אַ טריבונע אַף צו אָפּשפיגלען און באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון פאַרהיטן אונדזער מאַמע־לאָשן. פונעם ערשטן נומער איז צו זען, אַז „יונגוואַלד״ וועט זײַן אַ לײַדנשאַפטלעכער פּראָפּאַגאַנדיסט פון ווידערגעבורט פון דער ייִדישער קולטור, און דאַפקע אַף דער ייִדישער שפּראַך. דאָס איז צו זען פון אַלץ: אי פון דער סטרוקטור פון „יונגוואַלד״, אי פון די אָפּגעקליבענע מאַטעריאַלן, פון דעם, וואָס ס׳זײַנען געגעבן ייִדישע שפּריכ־ווערטער און רעדנסאַרטן, ייִדישע אידיאָמען אין בילדער, פּאַראַלעלע טעקסטן.

אַגעוו, ס׳איז ניט קלאָר, לויט וועלכן פּרינציפּ ווערן פאַרטײַטשט די ייִדישע ווערטער. לויט אונדזער מיינונג, וואָלט מען געדאַרפט די ערשטע צײַט, ביז די

יונגע וועלן זיך אויסלערנען לייענען, גיבן די גאנצע איבערזעצונג פון דעם טעקסט.

אינעם ארטיקל, וואָס עפנט אוף דעם נומער, „ערשטע טריט" לייענען מיר:

„...אָבער מע טאָר ניט פארגעסן, אז ייִדיש — דאָס איז די „נעשאָמע" פון אונדזער פאָלק. און וועגן וואָסער קולטור קאָן מען ריידן, אויב מיר וועלן, כאסוועכאָלילע, פארגעסן אין דער נעשאָמע? איך וויל זיך אויסלערנען ייִדיש".

„מע דארף קענען דאָס מאמע־לאָשן".

אָט די געדאנקע גייען דורך דעם גאנצן „יונגוואלד", אָנגעהויבן פון די „ערשטע טריט" און געענדיקט מיטן בריוו „דער נאָמען אף דער מוטערשפראך". אָט מיט דעם טאַקע געפעלט אונדז דער ערשטער נומער פונעם זשורנאל „יונגוואלד". ווען עס איז מעגלעך, וואָלטן מיר וועלן בעטן, אז אין די ווײַטערדיקע נומערן זאָל זײַן אָפּגעדרוקט דער ייִדישער אלעפבייס: געשריבענע און געדרוקטע אויסיִעס מיט די אנטשפרעכיקע רוסישע בוכשטאבן.

יִיסראָעל אײַזמאן,
יאקאָוו טיפּלינסקי
(שט. זשיטאָמיר)

* * *

אײַך שרײַבט א סטודענט פונעם ערשטן קורס. איך דערלערן דײַטש אינעם קויבישעווער אוניווערסיטעט. שוין פון 12 יאָר אָן לערן איך די ייִדישע שפראך. אצינד האָב איך אָנגעהויבן אויסלערנען זיך עברית. איך מיין, אז די ייִדן דארפן קענען צוויי שפראכן: ייִדיש און עברית, ווי ס'איז געווען פריִער.

ווען אונדזער אָרטיקע ייִדישע קולטור־געזעלשאפט האָט זיך פארזאמלט צום ערשטן מאָל, האָבן מיר געהאט נאָר צוויי פראגן אינעם טאָג־סדר:

1) ווי דארף מען אָנרופן די געזעלשאפט? און

2) וועלכע שפראך וועלן מיר דערלערנען: ייִדיש צי עברית?

צום באדויערן, איז קיין אייננמוטיקײַט צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט ניט געווען. אייניקע פון זיי האלטן, אז מע דארף אָנרופן די געזעלשאפט נאָר אף ייִדיש און דערלערנען בלויז ייִדיש. אנדערע אנערקענען נאָר עברית. אזויארום, האָט זיך באקומען ווי בא שלום־עליכמען אין קאסרילעווקע: דער עולם האָט זיך צעטיילט אף די ייִדישיסטן און העברעיִסטן.

דעמלט האָבן מיר באשלאָסן אָנרופן די געזעלשאפט אף עבריח „תרבות לעם" —

„קולטור — דעם פֿאָלק״, אָבער דערלערנען וועלן מיר צוויי שפּראַכן: מאַמע־לשון און לשון־קודש. און וואָס האָבן מיר אַצינד? די קורסן פֿאַר אויסלערנען זיך עברית אַרבעטן שוין עטלעכע חדשים, אָבער פֿאַר ייִדיש האָבן מיר נאָך קיין צײַט ניט געפֿונען. איך האָף, אַז די קורסן פֿאַר אויסלערנען זיך ייִדיש וועלן אָנהייבן זייער טעטיקייט אין דער נאָענטער צוקונפֿט.

מיר דאַרפֿן דאָך ניט פֿאַרגעסן וועגן אונדזער מאַמע־לשון, וועגן ייִדיש. עס איז די מוטער־שפּראַך פֿאַר אַ סך ייִדן אין אייראָפּע, אַמעריקע און ישׂראל.

מיר, ייִדן, האָבן צוויי מוטער־שפּראַכן און מוזן זיי ביידע דערלערנען און אויסניצן. ס'איז אודאי אַ שווערע אויפֿגאַבע אָבער אַן אויספֿילבאַרע. דעריבער דער־לערן איך די צוויי שפּראַכן, און איך מיין, אַז אינגיכן וועט קומען די צײַט, ווען אַלע ייִדן וועלן ווינטשן איינער דעם אַנדערן סײַ שלום, סײַ שאָלעם.

וויקטאָר ריווקין,
שט. קווּבישעוו

* * *

אין אָוונט בין איך אַרײַן אין דער נײַער שיינער געבײַדע פֿון דער ביבליאָ־טעק „פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט״. אין דעם גערעמען ליכטיקן זאַל זיצן בײַ די טיש־לעך יונגע און באַיאָרטע שילער, וועלכע זײַנען געקומען אויפֿן ערשטן ייִדיש־לימעד. אונדז אַלעמען באַגריסט אויף אוקראַיִניש דער דירעקטאָר פֿון דער ביבליאָ־טעק וואַלענטינע פּאָלישטשוק:

— איך ווינטש אײַך דערפֿאָלג אין דערלערנען די ייִדישע שפּראַך.

אַ וואָרט נעמט דער לערער פֿון ייִדיש יאָסיף טאָרטשינסקי.

— טײַערע כאַווירים, — זאָגט ער, — בײַ אונדז איז הײַנט אַ גרויסער יאָמטעוו. בײַ מיר זײַנען 20 שילער. פֿאַר יעדערן פֿון אײַך האָב איך אַליין געמאַכט אַן אַלעפֿבייס. מיר וועלן לערנען צוויי מאָל אין אַ וואָך. איך וועל אויסלערנען אײַך לייענען, שרײַבן און רעדן אויף ייִדיש. פֿריִער האָט איר ניט געקאָנט לערנען אײַער מאַמע־לאָשן. איצט האָבן מיר אַזאַ מעגלעכקײַט.

דער לערער גייט צו צום שול־טאָוול און נעמט דאָס קרײַדל. אונדזער ערשטער לימעד האָט זיך אָנגעהויבן.

גריגאָרי קאַגאַן
(שט. קיִעוו)

אכטונג, זיידעס און באָבעס!

מיר ברענגען דאָ א בריוו פון דער שטאָט וויזשניצע (טשערנאָוויצער געגנט) און האָפן, אז די ווענדונג פון אלבינע באָגאָמאָלניק וועט ניט לאָזן אייך בלייבן גלייכגילטיק.



געערטער רעדאַקטאָר!
איך האָב ביז היינט נישט געקענט שרייבן און לייענען
ייִדיש. היינט שרייב איך אײַך אַ ייִדישן בריוו.
מײַן זיידע באַקומט יאָרן לאַנג דעם זשורנאַל
„סאָוועטיש היימלאַנד", האָט זיך פֿאַרנומען מיט מיר
נישט מער ווי דרײַ וואָכן איך לערנען ייִדיש שרייבן
און לייענען. איצט שרייב איך צו אײַך מײַן ערשטן בריוו.
איך וויל בעטן [illegible] מײַן זיידע און זשורנאַל
„סאָוועטיש היימלאַנד" [illegible] שרייבן.
אַז אַלע זיידעס און באָבעס קענען ייִדיש לערנען
צו די אייניקלעך שרייבן און לייענען ייִדיש. דאָס איז מײַן
מיינונג. [illegible] אונדזער מאַמע לשון
מײַן זיידע און איך [illegible], וואָס האָפֿן
פֿאַרלערנען די ייִדישער שפּראַך. איך וויל בעטן איר זאָלט
מיר שיקן ייִדישע לערנביכלעך.
מיט אַכטונג.
אַלבינע באָגאָמאָלניק

* * *

Посылаю Вам вырезку из газеты «Вечерняя Одесса» с моей статьей, а также объявление о создании кружков для детей по изучению еврейского языка. От А. А. Ройзина и А. А. Бейдермана, которые участвовали в читательской конференции, я узнал, что вы планируете создать Всесоюзное общество еврейской культуры. Я очень обрадовался этому. Существующие сейчас общества еврейской культуры, по моему мнению, скорее являются политическими организациями, «обществами евреев», их организаторы, как правило, не знают языка и не хотят его изучать. Лично я предложил свою кандидатуру в Совет Одесского общества с единственной целью — получить право официально обращаться в государственные учреждения для решения вопроса об изучении языка идиш. По-моему, было бы правильным, если бы стихийно начавшийся процесс создания национальных обществ был бы возглавлен еврейскими писателями, тогда бы это движение приняло здоровый характер, стало бы чисто культурным движением и действительно способствовало бы возрождению и развитию еврейского языка и культуры. Очень хотелось бы, чтобы в рамках этого общества проводилась научная работа, чтобы существовал единый центр по сбору фольклора, чтобы общество объединяло не тех, кто примкнул к еврейскому движению исключительно из чувства национальной солидарности, а тех, кто хочет и может что-то практически сделать для сохранения и развития в СССР еврейского языка и культуры.

О характере моей работы, которую я осуществляю при поддержке не только упомянутых в газете А. А. Ройзина, А. А. Бейдермана, 32-летнего любителя еврейского языка Я. В. Чемерисова, но также Е. Д. Вайман (Друкер), И. А. Гликмана, Б. П. Трахтман, Р. Э. Окунь, М. А. Мильтер, Б. Д. Гринфельд, Р. А. Крыс, О. А. Кукулянской, Л. Х. Пикера и других носителей еврейской кильтуры, вы узнаете из статьи. Добавлю к этому, что помимо открывшихся в сентябре курсов языка для взрослых, в октябре—ноябре будет открыто несколько кружков для детей по изучению языка идиш; что в Доме медработников прошел уже цикл лекций и литературных вечеров на двух языках, посвященных творчеству основных классиков еврейской литературы; что в общественной библиотеке собрано уже 300 книг на языке идиш; что благодаря нашим призы-

вам к изучению языка идиш количество подписчиков журнала «Советиш геймланд», как я выяснил в «Союзпечати», увеличилось в 1989 г. с 74 до 93.

Дмитрий Тищенко,
Заместитель председателя
Одесского общества
еврейской культуры

Ниже мы приводим заметку Д. Тищенко в газете «Вечерняя Одесса»:

БЫТЬ ИЛИ НЕ БЫТЬ ЕВРЕЙСКОМУ ЯЗЫКУ ИДИШ?

Две тысячи лет назад евреи, не покорившись римским завоевателям, покинули Палестину. Часть из них поселилась в Западной Европе.

Начиная с XI века, на территории Германии, а затем на земле Польши, Украины, Белоруссии, Литвы, где из-за относительно меньшего национального и религиозного гнёта в XIV—XVI веках сконцентрировалась основная масса еврейского населения, и сформировался идиш — язык подавляющего большинства советских евреев. Среднеазиатские, кавказские, крымские, грузинские евреи говорят на других языках, не похожих на идиш. Иврит, на котором евреи говорили в Палестине, на котором написана Библия — выдающийся памятник древнееврейской литературы, не был забыт окончательно: он оставался книжным языком, языком религии.

Однако именно на языке идиш — языке народных масс — в течение веков создавался богатейший фольклор, именно на нём в конце XIX — начале XX века сложилась прогрессивная, подлинно народная литература, представленная именами Менделе Мойхер-Сфорима, Шолом-Алейхема, Ицхока-Лейбуша Переца и других писателей мирового уровня.

После революции культура на языке идиш достигла подлинного расцвета. Идиш употреблялся во всех сферах жизни еврейского населения, в том числе и таких,

как производство, управление, суд, наука, образование. В Одессе, где евреи до войны составляли значительную часть населения, функционировали еврейский театр, музей, Дом культуры, еврейские отделения педагогического и сельскохозяйственного институтов, техникумы, училища, школы с еврейским языком обучения, выходила газета на идиш.

Война и сталинские репрессии трагически оборвали развитие еврейской советской культуры. Представители старшего поколения помнят «дело врачей», борьбу с «космополитизмом», когда были закрыты все учреждения еврейской культуры. Физически уничтожались наиболее выдающиеся представители еврейской интеллигенции.

В этой обстановке евреи стали чувствовать себя людьми второго сорта, стесняться своей национальности, своего языка. В течение 50 лет еврейский язык, на котором создано огромное культурное наследие, не изучался ни в одном из учебных заведений страны. В результате выросло целое поколение евреев, совершенно не знающих языка своего народа, национальной культуры. Этим был нанесен огромный ущерб национальному самосознанию и нравственному самочувствию евреев нашей страны, возникла благоприятная почва для националистических настроений.

Сейчас, в условиях перестройки, создается реальная возможность ликвидировать этот вопиющий пробел, вернуть евреям родной язык, сделать доступными духовные богатства на этом языке. Нужно торопиться, пока носители языка и культуры — люди, получившие до войны образование на еврейском языке, — могут передать свои знания молодежи. Несмотря на свой пенсионный возраст, они готовы отдать все силы — и физические и нравственные, чтобы спасти родной язык и культуру.

Органы народного образования создают все условия для изучения еврейского языка. Взрослые смогут в этом году изучать язык идиш на государственных курсах иностранных языков, где помимо обычного отделения, на котором будет преподавать поэт А. А. Бейдерман, откроется одногодичная группа подготовки преподавателей языка идиш из числа людей, владеющих с детства этим языком (хотя бы разговорным) или изучивших его самостоятельно. Эту группу будет вести

А. А. Ройзин, закончивший до войны еврейский педагогический институт.

Обращаем внимание родителей, что при наличии 15 детей, желающих изучать язык идиш, в школе может быть организован факультатив, а при наличии 30 желающих — класс с изучением еврейского языка. 15 детей достаточно для организации кружка в Доме пионеров.

В конце прошлого учебного года в школах города проводился опрос с целью выявления желающих изучать национальные языки, в том числе еврейский. В Ильичевском районе о своем желании изучать язык идиш заявили 100 школьников, в средней школе № 3 (Центральный район) — более 50. Другие сведения еще не собраны. Убедительно просим самих родителей проявить инициативу, создавать группы по изучению языка, сообщать обо всех создаваемых группах и об отдельных желающих изучать язык Обществу еврейской культуры имени Нотэ Лурье, которое порекомендует специалистов, поможет договориться с администрацией.

По всем вопросам, связанным с изучением языка идиш, просим обращаться по телефону 24-28-67 (в вечернее время). Просим звонить желающих изучать язык идиш (взрослых и детей); людей, занимающихся литературным творчеством на языке идиш; лиц, владеющих языком и желающих работать с детьми; знающих народные песни, пословицы, предания и другие произведения фольклора; имеющих «Букварь» на еврейском языке, изданный в 1984 г. в Хабаровске, или другие учебники; желающих подарить Обществу книги, газеты, журналы, пластинки, магнитофонные записи, а также документы, фотографии, произведения искусства, представляющие музейную ценность (можно также приносить по адресу: ул. Жуковского, 7, кв. 50, Я. В. Чемерисову).

Быть или не быть языку идиш — решать самому 80-тысячному еврейскому населению Одессы. Надо помнить, что без языка нет национальной культуры, нет народа.

Общетво еврейской культуры приглашает всех одесситов, независимо от национальности, изучать язык идиш, который всегда был и, мы верим, в дальнейшем будет неотъемлемой частью культуры нашего родного города.

* * *

Я и моя семья поздравляем вас с выходом первого номера журнала «Юнгвалд».

Прочитала внимательно весь журнал. У меня следующее пожелание: отвести в журнале место под рубрику для детей в возрасте от 4 до 12 лет, где бы публиковались детские песни, ноты, небольшие рассказы и стихи еврейских поэтов, писателей.

И. М. Руманова,
г. Горький

* * *

Мне 19 лет. Я сам изучил идиш, пишу немного и читаю на нем. Я так же пою и играю. Очень люблю музыку.

Моя мечта играть и петь в еврейском коллективе, но я не знаю, как ее достичь. Посоветуйте мне, пожалуйста, как выйти на еврейские коллективы и куда мне обращаться. Мне кажется, что я сумел бы принести пользу еврейской культуре. Очень хочу этого!

Ваш журнал делает очень многое в возрождении культуры. Но мне кажется, что нужно в приложениях к нему больше печатать излюбленных старых и новых еврейских песен с нотами и текстом.

Борис Бабилуа,
г. Кременчуг

* * *

Пишет вам курсант из Ярославля Вадим Фабисевич. Побудительным мотивом для написания этого письма послужила та атмосфера перестройки духовной жизни, которая наконец-то дала всем людям различных национальностей, в том числе и еврейской, говорить, писать на своем родном языке, петь свои песни. К сожалению, я всю сознательную жизнь прожил в русскоязычной среде, учился в простой школе — сейчас в военном училище, но желание узнать родной язык, написать на нем свое имя, кажется зрело во мне очень давно, и именно поэтому я решил написать это письмо-обращение.

Я обращаюсь к вам с просьбой. Прочитал в «Юнгвалде» № 1 за 1989 год в письме рабочего о том, что, как приложение к «Советиш геймланд», был напечатан еврейско-русский словарь. Прошу вас прислать мне его и другую учебную литературу по идишу (конечно, если будет возможность), я готов оплатить любые расходы удобным для вас способом. Может быть вы сообщите адрес заочных курсов по изучению идиша, — к сожалению, очные посещать у меня возможности нет. За все, что вы сообщите, буду вам очень благодарен. Я верю, что в не очень отдаленном будущем я и, может быть, сотни таких же как я обрусевших евреев, смогут заговорить на языке предков, написать затем имена на идише, отдать своих детей в синагогальный хор и, замерев, слушать понятную уже Тору.

Надеюсь, что вы не откажете в моей просьбе и с нетерпением жду от вас вестей.

Вадим Фабисевич,
г. Ярославль

P. S. «Советиш геймланд» я выписываю со 2-го полугодия этого года, но читать его возможности, увы, не имею, и тем не менее бережно храню книжки журнала «до лучших времен».

* * *

Бабушка у меня еврейка, отец и дедушка — русские. Тем не менее я считаю себя евреем. Потому-то мне и дороги еврейская культура и еврейский язык. Евреев, знающих еврейский язык, у нас в городе осталось мало. Школы или класса, где можно было бы изучить идиш, — нет. Так что изучать идиш негде. Единственное, что можно сделать, это купить самоучитель и работать с ним. У меня есть мечта прочитать «Советиш геймланд» на еврейском.

Кирилл Антошин,
ученик 9-го класса,
г. Новозыбков, Брянской обл.

* * *

Год назад я был в Вильнюсе, в одном киоске увидел журналы «Советиш геймланд» (№ 7 и 8/88), купил их из любопытства. Не-

сколько месяцев назад я стал больше интересоваться историей, культурой, языком евреев. Мне удалось самостоятельно «расшифровать» еврейский алфавит, свободно читаю на идиш, но к сожалению, почти ничего не понимаю.

Мой город — Белосток — был центром культуры идиш. Здесь до войны жило около 60 тыс. евреев, свыше половины жителей города.

Дорогие друзья, я был бы рад переписываться с еврейской молодежью из СССР, особенно со знающей язык идиш.
Пишите, мой адрес:

Crzegorz Kotyński
15-680 Białystok
ul. Produkcyjna 42
Polska

* * *

איך ווענדע זיך צו אײַך מיט אַ באַקאַשע. איך זוך אַ בריוו־כאַווער אָדער אַ בריוו־כאַווערטע, וואָס וועט מיר שרײַבן אױף ייִדיש. איך בין 33 יאָר אַלט, אַ ליטעראַטור־קריטיקער און אַ מיטגליד פֿון דער ייִדישע געמײַנדע אין דער שטאָט האַלע.

Volker Dietzel
Große Steistr. 54/55
Halle 4020
DDR

לעכאַים

ווערטער — הירש בלאָשטיין

מוזיק — וולאדימיר ביטקין

כאַווײרים! הייבט העכער די בעכערס מיט ווײַן!
זאָל לעבן די ליבשאפט, געזונט זאָל זי זײַן!
די ליבשאפט פון יאָכיד צום יאָכיד — דעם מענטש,
די פרײַנטשאפט פון פעלקער זאָל זײַן אונדז געבענטשט.

רעפרען:

מיר זײַנען אלע אָט דאָ אױף דער ערד,
ווײַל ס׳האָט אונדז א ליבשאפט א גרויסע באגערט,
וואָס בלאָנדזשעט אין הארץ, ווי פארבאָרגענע שײַן
ביז ס׳גיסט זיך אין אייביקן ניגן ארײַן...

די וועלט איז אינגאנצן אױף ליבשאפט געשטעלט —
דער גאָרטן, דער וואלד און דאָס ווייצענע פעלד,
זיי שטייען אין גרינס, און אין בלוי, און אין גאָלד,
דערפאר נאָר, דערפאר וואָס די זון האָט זיי האָלט.

רעפרען.

עס ווערט בלויז דורך ליבשאפט דאָס לעבן געמערט!
איז זאָל זי געבענטשט זײַן, די מוטער די ערד,
די מוטער — די זון, און די מוטער — די פרוי!
דאָס לעבן אָן ליבשאפט איז קאלט און איז גרוי.

רעפרען.


Allegro moderato
1.2.3.
4.
f
mf
Xa - vej-rim,hejbt he-xer di
be-xersmit vajn! Zol le-bn di lib-šaft, ge-zunt zol zi zajn! Di
lib-šaft fun jo-xid cum jo-xid dem menc, di frajntšaft fun fel-ker zol


zajn undz ge-benct.
Mir zaj-nen a-le ot do af der erd, vajl s'hot undz a lib-šaft a
groj-se ba-gert, vos blon-dzet in harc vi far-bor-ge-ne šajn biz
s'gist zix in ej-bi-kn ni- gn a - rajn!


Mir zaj- nen a - le, mir zaj- nen
Mir zaj - nen a - le,
a - le, mir zaj- nen a - le
mir zaj- nen a - lé
ot do af der erd!

מ ו י ש ע   ש א פּ י ר אָ

ייִדישע לעקסיקאָגראַפיע און דער ליטעראַרישער ייִדיש

צוריק מיט הונדערט יאָר, אין 1869, דערשײַנט אין זשיטאָמיר דאָס ערשטע לעקסיקאָגראַפישע ווערק בײַ די רוסלענדישע ייִדן — די ערשטע אופלאַגע פון יעשועַ-מרדכי ליפשיצעס רוסיש-ייִדישן ווערטערבוך. דעם הונדערטיאָריקן פּע־ריאָד שליסט דער שוין דערמאָנטער אוריאל ווײַנרײַכס ווערטערבוך.

צוויי ווערטערביכער. אַלץ איז אין זיי פאַרשיידן: צײַט און אָרט, די צווייטע שפּראַך, דער געשטעלטער ציל, דער אַדרעסאַט, דער וויסנשאַפטלעכער ניוואָ, די סיסטעם פון טײַטשן, דער אויסלייג; אפילו די שאַבלענטלעך קאָנען עפּעס זאָגן וועגן דער דיסטאַנץ צווישן אָט די צוויי לעקסיקאָגראַפישע ווערק.

בײַ ליפשיצן: „ריסיש-יודישער ווערטערבוך — פון י. מ. ליפשיץ — בדפוס א. ש. שאַדאוו“; בײַ ווײַנרײַכן „מאָדערן ענגליש-ייִדיש — ייִדיש-ענגליש ווערטער־בוך — אוריאל ווײַנרײַך — פּראָפעסאָר פון ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און קול־טור אויף דער קאַטעדרע א"נ פ. ז. אַטראַן — קאָלאָמביע-אוניווערסיטעט..., ניו־יאָרק, 1968“.

צוויי ווערטערביכער — צוויי עטאַפּן אין דער געשיכטע פונעם ליטעראַרישן ייִדיש.

אין אָנהייב — ליפשיץ, א ייִדישער אינטעליגענט אינעם ייִדישן טכום פון דעם צאַרישן רוסלאַנד אין די זעכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. דורכגעדרונ־גען מיט רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראַטישע אידייען, איז ער א קעמפער פאַר א מאַסן-ליטעראַטור אין ייִדיש. ער דרוקט זײַן ווערטערבוך אין א צײַט, ווען די עכט-קינסטלערישע ייִדישע ליטעראַטור האַלט נאָך בײַ די סאַמע אָנהייבן אירע.

דער זיידע מענדעלע גייט, ווי באוווסט, אריבער צו ייִדיש ערשט אין דער מיט זעכציקער יאָרן: זײַן ערשט ווערק אין ייִדיש, „דאָס קליינע מענטשעלע", דערשײַנט אין 1864, און ביזן 1869 גייט ארויס פון דרוק בלויז נאָך איין קליינע דערציילונג זײַנע — דער ערשטער ווארִיאנט פון „דאָס ווינטשפינגערל". אזוי אז בייס ליפּשיץ פארענדיקט צום דרוק זײַן ערשטן ווערטערבוך, האָט נאָך קיין רייד ניט געקאָנט זײַן וועגן א ייִדישער קלאסישער ליטעראטור און אוודע ניט וועגן א ייִדישער קלאל־שפּראך, וועגן אן אלפאָלקישן ליטערארישן ייִדיש.

און שוין אין אונדזער צײַט — אוריִעל ווײַנרײַך. א וויסנשאפטלער מיט א וועלט־נאָמען אין דער אלגעמיינער לינגוויסטיק און איינצײַטיק איינער פון די באדײַטנדיקסטע ייִדישע פילאָלאָגן, שאפט ער זײַן ווערטערבוך אין א צײַט, ווען די ייִדישע קינסטלערישע און פובליציסטישע ליטעראטור האָט שוין באוויזן דורכצומאכן א לאנגן וועג פון מענדעלען ביז די בעסטע ייִדישע וואָרט־מײַסטערס פון אונדזער צײַט און ווען ייִדיש האלט שוין בא דער מאדרייגע פון א רײַכער ליטערארישער שפּראך, פון א קלאל־שפּראך, וואָס איז מעסוגל איבערצוגעבן די דינסטע שאטירונגען פון געדאנק און געפיל.

אָט די צוויי ווערטערביכער — ליפּשיצעס און אוריִעל ווײַנרײַכס — בארעמלען, אזויארום, דעם הונדערטיאָריקן וועג פון דער ייִדישער לעקסיקאָגראפיע; דאָס איז איר אָנהייב און — דערווײַל — אירס א לעצט וואָרט. צווישן די צוויי ווערטערביכער ליגן באזונדערע עטאפּן אירע, וואָס זײַנען באדינגט פון געוויסע עטאפּן אין דער געשיכטע פונעם ליטערארישן ייִדיש און פון די גויראָלעס פון זײַנע שעפער און טרעגער — פונעם ייִדיש־ריידנדיקן פאָלק.

ליפּשיצעס לעקסיקאָגראפישע טעטיקײַט כאפּט ארום די זעכציקער — אכציקער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט. ביזן 1886 גייען ארויס דרײַ אופלאגעס פונעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך (די צווייטע — א פארבעסערטע), אין 1876 — ליפּשיצעס א ייִדיש־רוסישער ווערטערבוך.

אין אָט די יאָרן גייט אָן א שארפער קאמף פאר דער עצעם עקזיסטענץ פון א ליטערארישן ייִדיש, און ליפּשיצעס ווערטערביכער זײַנען אן אייגנארטיקער אָנשוילעכער אויסדרוק פון אָט דעם קאמף.

ווי געזאָגט, דערשײַנט די ערשטע אופלאגע פונעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך סאכאקל מיט א פינף יאָר נאָך מענדעלעס אָנהייב אין דער ייִדישער ליטעראטור. ליפּשיץ און מענדעלע האָבן דאן ביידע געלעבט אין בערדיטשעוו; געווען זײַנען זיי גוטעפרײַנט צווישן זיך, און ניט דער זיידע פון דער ייִדישער ליטעראטור אפן לעקסיקאָגראף, נאָר גראָד פארקערט — דער לעקסיקאָגראף אפן שרײַבער האָט אופגעווירקט אין דער שטעלונג צו ייִדיש. אין מענדעלעס אריבערגאנג פון הע־

ברעיִש צו ייִדיש, פון דער „האַרנטע" צו דער „שיפכע" (לויט דער מאַסקילישער דיפערענצירונג), האָט ליפשיץ, זעט אויס, געהאַט אַ היפּשן כיילעק. אין זײַן אווטאָביאָגראַפיע שרײַבט מענדעלע: „...די מערהײַט פאַרשטייט דאָך ניט די דאָזיקע שפּראַך [לאָשנקוידעש. — מ. ש.] די ליבשאַפט צום געטלעכן האָט אין מיר גוויוער געווען... אויך אייניקע פון מײַנע גוטעפרײַנט זײַנען צו מיר צוגעשטאַנען [קורסיוו — מײַנער. — מ. ש.], און צוזאַמען האָבן מיר באַשלאָסן צו ווירקן אָפן רעדאַקטאָר פון „המליץ", ער זאָל אַרויסגעבן אַ צײַטונג אָף דער שפּראַך פון עם פאָלק — דעם „קול מבשר", און איך בין געוואָרן באַגײַסטערט און אָנגעשריבן מײַן ערשטע דערציילונג — „דאָס קליינע מענטשעלע". ס'קאָן קיין שום ספק ניט זײַן, אַז מיט „מײַנע גוטעפרײַנט" מיינט מענדעלע, אין דער ערשטער ריי, זײַן דעמלטיקן בען־איר ליפשיצן, וועלכער איז געווען אַ הייסער פּראָפּאַגאַנדיסט פון ייִדיש און וואָס האָט אַליין געדרוקט אין די זעכציקער יאָרן אַרטיקלען און פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען אין „קול מבשר".

זאָל דאָ, אַגעוו, געזאָגט ווערן: ניט בלויז „די ליבשאַפט צום נוצלעכן" האָט גוויוער געווען אין מענדעלען. געוויס איז גערעכט יאַנקעוו שטערנבערג, ווען ער שרײַבט וועגן דעם: „דאָס אוטיליטאַרע פאַר זײַנע [מענדעלעס. — מ. ש.] אויפקלערערישע טענדענצן איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער שיינקײַט, וואָס עס האָט צו אים אַרויסגערעדט פון דער אויסטערלישער פאָלקס־שאַפונג — פון דער גערעדטער וואָכעדיקער שפּראַך". און לאָמיר צוגעבן: געוויס אויך און עפּשער הויפּטזאַכלעך האָט געהאַט צו זאָגן דער אינערלעכער שעפערישער אימפּעראַטיוו, וואָס טרײַבט דעם עכטן קינסטלער ווענדן זיך צו יענעם שפּראַך־מאַטעריאַל, וואָס טויג זיך אַמבעסטן פאַר זײַנע קינסטלערישע צילן.

ליפשיצעס לעקסיקאָגראַפישע און מענדעלעס ליטעראַריש־קינסטלערישע שאַפונגען אין ייִדיש זײַנען געווען אַ פאָרם פון קאַמף בעפּויעל, מיט אַקטיוון טאַט, סײַ קעגן די שפּראַך־אַסימיליאַטאָרישע און סײַ קעגן די מאַסקיליש־העברעיִזאַטאָרישע טענדענצן, וואָס זײַנען געווען שטאַרק גענוג צו יענער צײַט אין די קרײַזן פון דער ייִדישער אינטעליגענץ. וועגן דער ביטל־באַציִונג צו ייִדיש מיצאַד די אַסימיליאַטאָריש געשטימטע „זשאַרגאָן"־פּרעסער קאָן געבן אַ בולעטן באַגריף אַ ווענדונג פון איינעם אַזאַ „קולטור־טרעגער" אָסיף ראַבינאָוויטש. דורך לעוואַנדען פּרוווט ער זיך באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ צײַטונג פאַר ייִדן אין רוסיש. אין אָט דער ווענדונג צו לעוואַנדען איז צווישן אַנדערן געזאָגט: „...איך האָב פּרויס באַוויזן, אַז דער קאַליעדיקער זשאַרגאָן, וואָס די רוסישע ייִדן ריידן, טויג ניט פאַר בילדונג, ווײַל ניט נאָר ריין־פילאָסאָפישע איניאָנים, אַפילע אַזוי אָן אָרנטלעכן געדאַנק קען מען אין אים ניט אויסדריקן..."

צו יענער צײַט אָבער, אין די זיבעציקער — אַכציקער יאָרן, זײַנען אַזעלכע, ווי אָסיף ראַבינאָוויטש, געווען די מינדסטע געפאַר פאַר ייִדיש. דער איקער איז

דאַן געווען דער שטרײַט אַרום אַן אַנדער פֿראַגע: וועלכע פֿון די צוויי שפּראַכן קאָן און דאַרף ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך בײַ ייִדן — ייִדיש צי העברעיִש? אָט דער שטרײַט פֿאַרכאַפּט דעם גאַנצן קלאַסישן פּעריאָד פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. וואָקלונגען אין דער דאָזיקער ראַדיקאַלער פֿראַגע זײַנען געווען בײַ די קלאַסיקער גופֿע. באַזונדערס איז עס שווער צו פֿערעצן. דער אָנפֿאַנגלעכער און איקערדיקער סטימול צו שרײַבן אין ייִדיש איז בײַ אַלע דרײַ קלאַסיקער אונדזערע געווען דער דעמאָקראַטיש־אויפֿקלערערישער. אין דעם פּראַט איז מענדעלע געווען באַזונדערס קאָנסעקווענט, שאָלעם־אַלייכעם — אָרגאַניש, ווײַל צי קאָן דען געמאָלט זײַן שאָלעם־אַלייכעם אָן ייִדיש? אַנדערש איז עס מיט פּערעצן. וועגן געוויסע סימפּאַטיעס זײַנע פֿאַר העברעיִש שרײַבט גענויער דער סאָוועטישער שפּראַכפֿאָרשער עליע ספּיוואַק. עמעס, ער פּרוווט דערווײַזן, אַז יענע אַרויסזאָגונגען פּערעצעס, וואָס פֿאַרמינערן די ווערט פֿון ייִדיש און הייבן אַרויס די ראָליע פֿון העברעיִש אַלס נאַציאָנאַלער שפּראַך אונדזערער, זײַנען בײַ אים, בײַ פּערעצן, עפּיזאָדישע, צופֿעליקע. עפּיזאָדיש איז, אַשטייגער, לויט ע. ספּיוואַקן, אַזאַ שטעל בײַ פּערעצן: „...זשאַרגאָן האָט ניט קיין פּרעטענזיע צו פֿאַרטרעטן די מוטערשטעלע אין אַ ייִדיש הויז. דאָס פּלאַץ פֿאַרנעמט און דאַרף פֿאַרנעמען לאָשנקוידעש... זשאַרגאָן איז נאָר אַ ניאַנקע, זי וויל נאָר אויסלערנען גיין, זיצן, אָנהייבן רעדן... דערנאָך — מעג איר די ניאַנקע אַרויסוואַרפֿן... נאָר ווער עס וויל דאָס פֿאָלק קענען און ווער עס וויל דאָס פֿאָלק לערנען — דער מוז קענען און שרײַבן זשאַרגאָן". ס'איז אָבער פֿאַראַן אַ סמאַך צו צווייפֿלען אינעם עפּיזאָדישן כאַראַקטער פֿון אַזאַ אַרויסזאָגונג. ס'איז גענוג דערצו דערמאָנען, וואָס פּערעץ שרײַבט מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1891, צו זײַנעם אַ מיטצײַטלער, אַ העברעיִש־ייִדישן שרײַבער יכנה"ז [י. נ. הכהן הרי־זהב, אָדער י.־נ. גאָלדבערג. — מ. ש.]: „חמתי עליך, אחי הסופר, כי כתבת אלי ז'ארגאָן. הזיארגאָן אך כלי הוא לי להפיץ רעיונותי חוצה ולא תכלית... ואתה, הלא סופר עברי הנך. אני כותב ז'ארגאָן אך לאלה, אשר לא אדע, אם מבינים הם עברית". „איך בין אין קאַס אויף דיר, ברודער־שרײַבער, וואָס דו האָסט מיר געשריבן אין זשאַרגאָן. דער זשאַרגאָן איז בײַ מיר בלויז אַ געצײַג אויף צו פֿאַרשפּרייטן מײַנע געדאַנקען אויסניצן, אָבער ניט קיין ציל... און דו, דו ביסט דאָך אַ העברעיִשער שרײַבער. איך שרײַב זשאַרגאָן בלויז פֿאַר די, וואָס איך ווייס ניט, צי זיי פֿאַרשטייען העברעיִש" (זע „ייִוואָ־בלעטער", 1946, נומ. 1, ז. 200).

דערמיט ווערט, פֿאַרשטייט זיך, ניט אויסגעשעפּט די אָן און פֿאַר זיך אינטערעסאַנטע פֿראַגע וועגן דער שפּראַך־אָריענטאַציע פֿון די קלאַסיקער. דאָס איז אָבער ניט די טעמע פֿון אָט דעם אַרטיקל. אונדז איז דאָ וויכטיק געווען בלויז צו ווײַזן, ווי ערנסט ס'איז געווען דער קאַמף פֿאַר ייִדיש אין די זיבעציקער — אַכציקער יאָרן און ווי דרייסט ס'דאַרפֿן, אויב אַזוי, אויסזען ליפּשיצעס לעקסי־

קאַגראַפישע אופטועז און זײַנע פובליציסטישע ארויסטרעטונגען פאַר א ליטעראַטור אין דער שפּראַך פון די ברייטסטע ייִדישע פאָלקס־שיכטן.

גאַנצע אכצן יאָר זאַמלט י.־מ. ליפשיץ מאַטעריאַלן און גרייט צום דרוק זײַן רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך, און אין דער דאָזיקער פּיאָנערישער אַרבעט געפינט ער צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ ווייניק אַזעלכע, וואָס זאָלן אים מיטפילן און מיטהעלפן. אין דער האַקדאָמע צו דער ערשטער אויפלאַגע פונעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך לייענען מיר: „...איך וואָלט... קיין גרעסער קאָדאָכעס ניט באַדאַרפט, אז איך זאָל מיך כאָלילע אונטערשטעלן צו פרעגן א ייִדישן געבילדעטן אַזעלכע זאַכן [וועגן ייִדישע ווערטער און טײַטשן צו רוסישע ווערטער. — מ. ש.]. מע האָט שוין אַזוי אויך גענוג טערעס געמאַכט פון מיר, אַז מע פלעגט מיך אַמאָל כאַפּן מיט א נאָטיץ־ביכל אין די הענט, בעשאַס איך האָב מיר פאַרצייכנט ייִדישע ווערטער, וואָס איך האָב גראָד דערהערט אָדער וואָס זײַנען מיר אײַנגעפאַלן...״

אין יענער צײַט איז נאָך אויסגעקומען אין דער פּאָלעמיק מיט די ייִדישקעגנער צו דערווײַזן אַזאַ פאַר אונדז עלעמענטאַרן עמעס, אַז די ייִדישע שפּראַך האָט, באַגלײַך מיט אַנדערע שפּראַכן, אירע פאָנעטישע און גראַמאַטישע געזעצן, הַאַגאַם קיין געדרוקטע גראַמאַטיק איז ניט אַרויסגעגעבן. כאָטש זשיטלאָווסקי שרײַבט דאָן: „...דאָס ייִדישע פאָלק און די ייִדישע שפּראַך האָבן איין מאַזל: זיי דאַרפן באַווײַזן, אַז זיי זײַנען עמעסע... שטענדיק דאַרפן זיי האַלטן אָנגעגרייט א פּאַספּאָרט, אין וועלכן עס זאָלן זײַן אויסגערעכנט אַלע סימאָנים״ [פון א פאָלק, פון א שפּראַך. — מ. ש.], און „טאָמער כאָלילע פעלט איין סימען — איז פּאַסל״. און וועגן ייִדיש: „אַלע סימאָנים פון א שפּראַך: אייגענע ווערטער, אויסדרוקן, פאָלקסלידער, גלײַכווערטלעך, וויצן, מעמרעס״, אָבער, טײַנען די אָפּשפּעטער פונעם „זשאַרגאָן״ — „גראַמאַטיק? ווו איז גראַמאַטיק?.. איך גיי אַרויס א קוק טאָן, ווו איז דער פערדעלע, ערשט — ניטאָ דאָס פערדעלע, אַנטלאָפן די פערדעלע! — א שיינע גראַמאַטיק!״...

ווי געזאָגט, פאַרציט זיך דער קאַמף פאַר א ליטעראַרישן ייִדיש אף צענדליקער יאָרן. ערשט אין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט קאָן שוין מיט פולן סמאַך שרײַבן ד״ר מאַקס ווײַנרײַך, אַז „מיר זײַנען שוין פּאָטער געוואָרן פון דעם פאַפירענעם שפּראַכן־קאַמף״ און אַז „דאָס איז א סימען, ווי ווײַט מיר האַלטן שוין. „הײַנט, — שרײַבט ווײַטער מ. ווײַנרײַך, — האָבן מיר שוין פּאָזיטיווע אויפגאַבן: ניט זאָגן, אַז ייִדיש איז די (אָדער א) נאַציאָנאַלע שפּראַך..., ניט ברענגען קיין רײַעס, אַז ייִדיש איז אויך א שפּראַך מיט אַלע שפּראַכן צוגלײַך, נאָר אויספאָרשן, וואָס פאַר א שפּראַך מיר האָבן, און וואָס עס שטעקן אירע באַזונדערקײַטן, וויאַזוי זי איז אויסגעוואַקסן און וויאַזוי זי אַנטוויקלט זיך איצטער״.

און ס'הייבט זיך טאַקע אָן דער סאַמע גלענצנדיקער פּעריאָד אין דער געשיכטע פֿונעם ליטעראַרישן ייִדיש, פֿון ייִדיש־פֿאָרשונג און פֿון ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע — די צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן. און אין דער דאָזיקער געשיכטע שרײַבט אַרײַן אירע אייגנאַרטיקע אינהאַלטרײַכע זײַטלעך די סאָוועטיש־ייִדישע ווירקלעכקײַט, די ראַשע אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער קולטור, אַ נאַציאָנאַלער לויט איר פֿאָרם, אַ סאָציאַליסטישער לויט איר אינהאַלט. וועגן דעם, וואָס איז נעגייע צו דער סאָוועטיש־ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע אין אָט די יאָרן, איז שוין געזאָגט אין סאַמע אָנהייב פֿון אונדזער אַרטיקל.

צווישן די זעכציקער יאָרן פֿון 19־טן יאָרהונדערט און דעם אָנהייב צוואַנציקער יאָרן פֿון 20־טן יאָרהונדערט ליגט אַ פּאַרענדיקטער פּעריאָד — דער פּעריאָד פֿון אופֿקום און אויסקריסטאַליזירונג פֿון אַן אַלפֿאַלקישן, ליטעראַרישן ייִדיש. ליפֿשיץ איז געשטאַנען בײַ זײַנע אויסגאַנג־פּונקטן; זאַמלען און לעקסיקאָגראַפֿיש פֿאַרפֿיקסירן האָט ער געקענט בלויז די אוצרעס פֿון דער לעבעדיקער שפּראַך פֿון זײַן צײַט און פֿון זײַן געאָגראַפֿישן אַרום — פֿונעם אוקראַיִניש־וואָלינער גערעדטן ייִדיש, וועלכער האָט אָבער פֿאַרמאָגט גענוג פּאָטענצן אַף צו ווערן איינער פֿון די גרונטיקסטע עלעמענטן אין דער זיך פֿאָרמירנדיקער ליטעראַרישער ייִדישער שפּראַך, אַ שפּראַך צו שפּראַכן גלײַך.

נאָר צי טאַקע גלײַך? אין אַלע הינזיכטן?

באַם אָפּשאַצן לינגוויסטישע דערשײַנונגען דאַרף מען נעמען אין אַכט ניט בלויז די ריין־שפּראַכלעכע פֿאַקטאָרן, די עצם סיסטעם פֿון דער שפּראַך און אַלץ, וואָס דרינגט פֿון איר אַרויס; מע מוז זיך אומקוקן אויך אַף אויסערלינגוויסטישע מאָמענטן, אַף יענע געזעלשאַפֿטלעכע תּנאָים, וואָס רירן אָן אין דער־יענער מאָס די פֿונקציאָנירונג פֿון דער שפּראַך, די קאָנקרעטע אויסנוצונג פֿון איר סיסטעם.

ווען מאַקס ווײַנרײַך שרײַבט אין די צוואַנציקער יאָרן וועגן דער אופֿגאַבע צו פֿאָרשן די באַזונדערקײַטן פֿון ייִדיש, מיינט ער, נאַטירלעך, זײַנע איבערלעך־שפּראַכלעכע אייגנטימלעכקײַטן — די לעקסיק, אידיאָמאַטיק, פּראָזעאָלאָגיע, די וואָרטבילדונג, וואָרט־ענדערונג, דעם סינטאַקס. דאָס אַלץ זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, איקער־זאַכן, און אין יענע יאָרן איז די אופֿגאַבע געווען בעפֿיירעש אַזאַ. זי איז, אייגנטלעך, אַ פּערמאַנענטע; ביזוואַנען ס'לעבט אַ ליטעראַרישע שפּראַך, בלײַבט די דאָזיקע אופֿגאַבע אַפֿן סיידער־היאָם פֿון די שפּראַך־פֿאָרשער. מ'קאָן גיין נאָך ווײַטער: אַפֿילע ווען אַ שפּראַך ווערט אַרויסגעשטויסן פֿונעם לעבן, הערט זי ניט אוף צו זײַן אַן אינטערעסאַנטער אָביעקט פֿון דער לינגוויסטיק (און פֿאַר דער געשיכטע פֿונעם געגעבענעם פֿאָלק).

דאָ אָבער אינטערעסירן אונדז אַנדערע באַזונדערקייטן פֿונעם ליטעראַרישן ייִדיש, אַזעלכע, וואָס דער ייִדישער לעקסיקאָגראַף מוז זיי נעמען אין אַכט אויפֿן איצטיקן עטאַפּ אין דער געשיכטע פֿון ייִדיש. מיר מיינען דאָ די באַזונדערקייטן פֿון ייִדיש אַלס ליטעראַרישער שפּראַך לעגאַבע אַנדערע ליטעראַרישע שפּראַכן.

אין דער ייִדישער שפּראַך־ליטעראַטור, באַזונדערס אין פּובליציסטישע אַרטיקלען, קאָן מען טרעפֿן עמאָציאָנאַליזירטע, דיפֿיראַמבאַרטיקע אַרויסזאָגונגען, וואָס שטרײַכן אונטער די רײַכקייט פֿון דער ייִדישער שפּראַך און איר רעכט צו גע־שטעלט ווערן אין איין ריי מיט די אַנטוויקלטע נאַציאָנאַלע ליטעראַרישע שפּראַכן פֿון אונדזער צײַט. טיפּיש אין דעם פּראַט איז, אַשטייגער, לילי בערגערס אַן אַרטיקל, ווו ס'ווערט געזאָגט: „אונדזער בידנע לאָשן איז אַזוי רײַך, אַז אין די רײַכסטע שפּראַכן איז שווער צו איבערזעצן פּערעצן, מענדעלען, שאָלעם־אַלייכע־מען, אַנדערע שרײַבער. אַפּאָנעם, די רײַכקייט און טיפֿקייט פֿון אַ שפּראַך מעסט זיך נישט נאָר מיטן וואָרט־אוצער, נאָר אויך מיטן גײַסט, מיט דער טיפֿקייט פֿון דער נעשאָמע, מיט אירע צאַפּלענישן, מיט איר רײַכן און אייגנאַרטיקן אינער־לעכן לעבן; און די, וואָס מאַכן אַזוי לײַכט און מיט אַזאַ ביטל אַוועק מיט דער האַנט אונדזער ייִדיש לאָשן, מעגן זיך דערויף פֿאַרטראַכטן".

דאָס אַלץ איז אַזוי. נאָך מער, אומזיסט פֿאַרמינערט לילי בערגער די כשיוועס פֿון אונדזער וואָרט־אוצער; האָט דאָך מיטגעטיילט דער רעדאַקטאָר פֿונעם „גרויסן ייִדישן ווערטערבוך" יודל מאַרק, אַז, ווי מע רעכנט, וועט ער, דער דאָזיקער ווערטערבוך, אײַנשליסן באַ אַ פֿערטל מיליאָן ווערטער. דאָ אָבער איז פֿאַר אונדז אין אַזעלכע אַרויסזאָגונגען, ווי לילי בערגערס, וויכטיק ניט אַזוי דאָס, וואָס ס'איז אין זיי יאָ דאָ, ווי דאָס, וואָס ס'איז אין זיי ניט פֿאַראַן. פֿאַרשטייט זיך, אַז די, וואָס ווײַזן אַרויס אַ ביטל־באַציִונג צו ייִדיש, וואָלטן באַ אַ מער ערנסטן צוגאַנג געהאַט אויף וואָס זיך צו פֿאַרטראַכטן. מיר זײַנען דאָ פֿולשטענדיק מאַסקים מיט לילי בערגער. ס'איז אָבער אויך קעדײַ זיך צו פֿאַרטראַכטן אויף די סיבעס, וואָס מאַכן מעגלעך אַזאַ, זאָל זײַן אומבאַטראַכטע, באַציִונג צו אונדזער לאָשן; ס'וועט דאָך קיינעם אויפֿן געדאַנק ניט קומען אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט דעם ליטעראַ־רישן רוסיש, פֿראַנצויזיש, אויך אוזבעקיש צי קאַזאַכיש.

און דאָ קומען מיר צו דער פֿראַגע וועגן דער ספּעציפֿיק פֿונעם ליטעראַרישן ייִדיש לעגאַבע אַנדערע ליטעראַרישע שפּראַכן. מע קען אָפּמערקן דרײַ באַזונדערקייטן זײַנע:

1) דער ליטעראַרישער ייִדיש איז אין גרונט אַ געשריבענע — געלייענטע שפּראַך. אַ מאַקסימאַלער גערעדטע — געהערטע מאָדיפֿיקאַציע זײַנע עקזיסטירט בלויז אין פּאָטענץ. ס'איז אָבער אַ פּאָטענץ, וואָס ווערט ניט רעאַליזירט. זאָל באַלד באַטאָנט ווערן: עס לעבט און וועט נאָך לאַנג לעבן אויך אַ גערעדטער — געהערטער ייִדיש; ער איז אָבער ניט ליטעראַריש, און דער ליטעראַרישער ווערט

ניט גערעדט. אזוי איז עס אין גרונט; די מינדלעכע שפּראַך פון די ייִדיש־רײדנדיקע שיכטן איז פאָנעטיש און גראַמאַטיש אויסגעשפּראָכן דיִאַלעקטאַל, און לעקסיש איז זי אין אונדזער צײַט, אַלס קלאַל, מאַקאַראָניזירט, „כאָצע גוייִש, פּאָלאָוויִנע ייִדיש". עמעס, אַ ייִדישער קולטור־טוער קאָן אַמאָל זיך צווינגען צו רײדן ווי ער שרײַבט, און אויב ער שטאַמט פון ליטע צי פון ווײַסרוסלאַנד, קאָן אַמאָל זײַן מינדלעכע שפּראַך קלינגען גאַנץ ליטעראַריש. דאָס וועט אָבער זײַן אַ שפּראַך פון אַ יאָכיד, אין בעסטן פאַל — פון יעכידים, פון אַן ענגער קולטור־סוויווע, אַ מין קרײַזל־שפּראַך. ביכלאַל אָבער ווייסט ייִדיש בלויז פון איין מין ליטעראַרישער שפּראַך — פון שריפטלעכער.

ייִדיש ווייסט דעריבער ניט פון קאַמף פאַר קולטור פונעם מינדלעכן וואָרט, פאַר רייד־קולטור; ס'בלײַבט בלויז קאַמף פאַר רײנקײַט און קלאָרקײַט פונעם געשריבענעם און געדרוקטן וואָרט, פון דער ביכער־שפּראַך.

ווי האַלט עס אין דעם זין „בא לײַטן"?

אונטערשיידן צווישן מינדלעכן און שריפטלעכן וואָרט זײַנען פאַראַן אומעטום און אַף אַלע עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון דער שריפט־שפּראַך.

דע אַנטשטייונג פון אַן אויבערדיִאַלעקטאַלער שריפט־שפּראַך איז בא דער מערהײַט אייראָפּעיִשע פעלקער געבונדן געווען מיט דער צעפאַלונג פונעם פעאָדאַלן סיידער, מיט דער אויסבילדונג פון אַ גרויסער מעלוכע, געוויינלעך — אַף דער באַזע פון יענער פעאָדאַלער געגנט, וועלכע האָט איבער געוויסע היסטאָרישע (עקאָנאָמישע, געאָגראַפישע און פּאָליטישע) סיבעס — זיך דערהויבן איבער אַלע אַנדערע געגנטן. איר צענטער ווערט צוביסלעך ניט בלויז דער אַדמיניסטראַטיוו־פּאָליטישער, נאָר אויך דער קולטור־צענטער פון דער געשאַפענער מעלוכע, און די דאָקומענטאַל־געשעפטלעכע שריפט־שפּראַך פון אירע קאַנצעליאַריעס, וואָס מוז זיך צופּאַסן צו די דיִאַלעקטן פון אַנדערע געגנטן, מיט אַ צומיש פון אַ טראַדיציאָנעל־קירכלעכן עלעמענט, ווערט מיט דער צײַט די אַלמעלוכישע שריפט־שפּראַך, וועלכע איז נאָך דערווײַל ניט קיין אַלפאָלקיש־ליטעראַרישע.

דער נײַער פּאָליטישער צענטער נעמט אין זיך אַרײַן אַקטיווע עלעמענטן פונעם גאַנצן לאַנד, פאַרשטייער פון פאַרשיידענע דיִאַלעקטן און מונדאַרטן. אין אַזאַ צענטער שאַפן זיך גינסטיקע באַדינגונגען פאַרן אויפקום פון אַ מינדלעכן דיִאַלעקטן־געמיש, פון אַן אויסגעגלעטן קוינע (מיטן אַקצענט אַפן לעצטן טראַף), וועלכער איז מער־ווייניקער פאַרשטענדלעך אין אַלע געוועזענע פעאָדאַלע געגנטן. ער באַווירקט וואָס אַ מאָל אַלץ שטאַרקער די שריפט־שפּראַך, וועלכע ווערט אַזוי־אַרום אַן אַלפאָלקישע, אַ נאַציאָנאַלע, אָבער אין אָנהייב נאָך ניט קיין שטרענג נאָרמירטע.

אינעם אויסאַרבעטן די נאָרמעס פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך נעמען דעם גרעסטן אָנטייל די שעפער פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור, קוידעמקאָל די

קלאַסיקער, וואָס ניצן אויס דאָס בעסטע, דאָס זאַפטיקסטע און דאָס פאַרביקסטע אין דער מינדלעכער פאָלקסשפּראַך. די פּובליציסטיק, די וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור טראָגן אַרײַן זייער וויכטיקן צושטײַער אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך. שפּראַך־פאָרשער פאַראַלגעמיינערן אָט דעם מאַטעריאַל, מאַכן זייערע נאָרמאַטיווע אויספירן. אַזוי ווערט די נאַציאָנאַלע שפּראַך אַ נאָרמירטע ליטעראַרישע שפּראַך; אירע נאָרמעס ווערן אָבליגאַטאָריש פאַר די מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, פאַר דער בילדונגס־סיסטעם. איצט גייט שוין אַ פאַרקערטער פּראָצעס: די אַנטשטאַנענע נאָרמירטע ליטעראַרישע שריפט־שפּראַך באַווירקט די מינדלעכע שפּראַך. אין די גרעסערע צענטערס ווערט זי אַ מאַסן־שפּראַך, וואָס פאַרהיט דאָך די אייגנטימלעכקײַטן פון מינדלעכע רייד לעגאַבע שריפטלעכער שפּראַך. ס'קומט אַזויאַרום אויף אַ מינדלעכער וואַריאַנט פון דער ליטעראַרישער שפּראַך, וואָס פאַרנעמט מיט דער צײַט געוויסע פּאָזיציעס אויך אין די פּעריפעריע־שטעט און יִשוּוים און אַפילו אין דאָרף — דורך דער שול, דורך דער פּרעסע, דורכן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, דורך מיליטער־דינסט.

הייסט עס, ס'הייבן אָן גילטן צוויי מינים ליטעראַרישע שפּראַך — אַ שריפטלעך־ביכערדיקע און אַ מינדלעך־אומגעגנלעכע. ביידע זײַנען זיי אַלפאָלקישע, ביידע זײַנען זיי קעגנגעשטעלט צו די אָרטיקע מונדאַרטן און ריידעניש. אין אירע ביידע מאָדיפיקאַציעס איז די ליטעראַרישע שפּראַך אַ שאַפונג פונעם פאָלק. „די אײַנטיילונג פון דער שפּראַך אַף ליטעראַרישער און פאָלקס־שפּראַך, — שרײַבט מ. גאָרקי, — באַטײַט בלויז דאָס, אַז מיר האָבן, אַזוי צו זאָגן, אַ „רויע" שפּראַך און אַזאַ, וואָס ס'האָבן זי באַאַרבעט מײַסטערס".

נו, און ייִדיש?

אויך דער ליטעראַרישער ייִדיש איז, לויט א. יעפימאָווס ווערטער, „די העכסטע פאָרם פון דער אַלפאָלקישער שפּראַך, דער רעזולטאַט פון דער שפּראַכשאַפונג פונעם גאַנצן פאָלק בעראָש מיט זײַנע פּראָמינענטע וואָרט־מײַסטערס". ער האָט אָבער געשעפּט בלויז פון פאָלקס־קוואַל — דירעקט פון די מונדאַרטן און דיאַלעקטן. קיין ייִדישער מינדלעכער אַלפאָלקישער דיאַלעקטן־געמיש, קיין שום ייִדישער קוינע איז אין קיין גרויסן צענטער ניט אויפגעקומען, געווירקט האָבן אינעם ייִדישן טכום עטלעכע קולטור־צענטערס, און יעדערער פון זיי האָט צוגעצויגן צו זיך מענטשן פון זײַן פּעריפעריע (ווילנע אין דער ליטע, וואַרשע — אין פּוילן, קיעוו — אין אוקראַינע), אַזוי אַז דער מינדלעכער ייִדיש פון אַזעלכע צענטערס איז פאַרבליבן אַ דיאַלעקטאַלער. ייִדישע קולטור־צענטערס אויסערן געוועזענעם טכום, אַזעלכע, ווי פּעטערבורג, מאָסקווע, האָבן יאָ אַרײַנגענומען עלעמענטן פון פאַרשיידענע געגנטן, פאָרשטייער פון פאַרשיידענע ייִדיש־דיאַלעקטן, וועלכע האָבן אָבער ניט אויסגעבילדעט קיין קאָמפּאַקטע ייִדישע מאַסע; זייער מינדלעכע שפּראַך איז, כּמעט קליינע אויסנאַמען, געווען רוסיש; ייִדיש איז טיילווײַז פאַרבליבן דאָרט

אלס ריידשפּראַך בלויז אינעם אינערלעכן שטוב־געברויך פונעם עלטערן דאָר.

אן אויסנאַם איז עפּשער אָדעס. די ראַשע אַנטוויקלונג פון אָט דער דאָרעמדיקער פּאָרט־שטאָט האָט צוגעצויגן צו זיך מענטשן פון אַלע עקן לאַנד, דערין אַ היפּשן פּראָצענט ייִדן, וואָס האָבן גערעדט אין פאַרשיידענע ייִדיש־דיאַלעקטן. האָט אָבער די מינדלעכע שפּראַך זייערע אין דער דאָזיקער עקזאָטיש באַפאַרבטער שטאָט מיט דער צייַט באַקומען אַ באַזונדערן, אויך עקזאָטישן קאָלאָריט. די ייִדישע „אָדעס־מאַמע" האָט אָפּ אָן אייגנאַרטיקן אויפן רוסיפיצירט איר ייִדיש, פּונקט ווי זי האָט ייִדישיזירט איר רוסיש. און וועגן אַן אייכעסדיק אַנדערשדיקן אָדעסער ייִדישן קוינע, וואָס זאָל קאָנען ווערן די באַזע פונעם זיך פאָרמירנדיקן ליטעראַרישן ייִדיש, האָט קיין רייד ניט געקאָנט זייַן.

די שטרעבונג צו איינהייַטלעכקייַט איז אָבער געווען גענוג שטאַרק. דאָס געדרוקטע ייִדישע וואָרט האָט געמוזט אויסרעכענען אָף לייענער פון אַלע טכום־געגנטן; די פאַריינהייַטלעכנדיקע טענדענצן האָבן זיך דעריבער געלאָזט פילן סייַ אין דער פובליציסטיק, סייַ אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור. אין דעם פּראַט האָט גאָר אַ וויכטיקע ראָליע געשפּילט מענדעלע מוכער־ספרים. שטאַמענדיק פון דער ליטע, האָט ער געשאַפן זייַנע ווערק אַפּן אוקראַיִנישן באָדן. „באַאַרבעטן" האָבן אונדזערע „וואָרט־מייַסטערס" געמוזט דעם דיאַלעקטאַלן שפּראַכשטאָף, אָפּקלייַבנדיק דאָס בעסטע, וואָס טויג אין אים פאַרן גאַנצן פאָלק. מענדעלען איז עס גרינגער געווען, איידער די איבעריקע קלאַסיקער. שאָלעם־אַלייכעם געהערט אינגאַנצן, בערוישוי ווערובוי, צו אוקראַיִנע, פּערעץ — צו פּוילן. און אויב אַלע דרייַ קלאַסיקער, פּונקט ווי זייערע מיטצייַטלער — שרייַבער פון פאַרשיידענע געגנטן, קינסטלער און פובליציסטן, — האָבן געקאָנט זיך באַטייליקן אין דעם דאָזיקן „באַאַרבעטונגס"־פּראָצעס, אויב ס'איז ביכלאַל מעגלעך געווען צו געפינען די ריכטיקע פּשרה צווישן די דיאַלעקטן און שאַפן אַן איינהייַטלעכן אַלפאָלקישן ליטעראַרישן ייִדיש, האגאַם קיין מינדלעכער קוינע איז סטיכייִש ניט אויפגעקומען, — איז עס דערפאַר, וואָס די דיאַלעקטאַלע אונטערשיידן אין דער לעקסיק, אידיאָמאַטיק און פּראָזעאָלאָגיע זייַנען אין ייִדיש ניט גאָר באַדייַטנדיק, און אין דער שריפט־שפּראַך אונדזערער זייַנען די שאַרפע אויסשפּראַך־אונטערשיידן ניט קאָנטיק, ווייַל אונדזער אויסלייג איז דאָך אינטערדיאַלעקטאַל: שרייַבן שרייַבט מען דאָך אומעטום אַלצײַנס. ניט מער, אַז סע קומט צום לייענען דאָס געשריבענע, בלייַבט יעדערער טרייַ זייַן דיאַלעקט, און דער זעלבער וואָקאַל, אַשטייגער, דער „אָ", קלינגט באַ איינעם ווי דער רוסישער O, באַם אַנדערן — ווי רוסישער У...

אַזוי צי אַנדערש — שפּראַך־איינהייַטלעכקייַט האָט פאַר ייִדיש צו טאָן בלויז מיטן געדרוקטן וואָרט, און פּראַקטיש מיינט מען מיט „ליטעראַרישן ייִדיש" בלויז דעם שריפטלעך־ביכערישן ייִדיש.

2) אין אונדזער צײַט איז ייִדיש א פאָליטעריטאָריעלע שפּראַך. ייִדיש רעדט מען אף אלע פינף קאָנטינענטן. דאָס איז אזא באזונדערקײַט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר אייניקע אנדערע שפּראַכן, אשטייגער, פאַר ענגליש — מיט דעם כילעק, וואָס ענגליש איז אף פאַרשיידענע טעריטאָריעס די מעלוכישע שפּראַך און פאַרמאָגט דערצו אויך א מינדלעכן וואַריאַנט פון דער ליטעראַרישער שפּראַך.

ייִדיש איז ניט שטענדיק געווען פאָליטעריטאָריעל. ביז די לעצטע יאָרצענדליקער פונעם 19־טן יאָרהונדערט איז ער געווען אין גרונט א טעריטאָריעלע שפּראַך (ניט, ווי מע וויל האָבן, אן עקסטעריטאָריעלע); זײַן טעריטאָריע איז געווען מיזרעך־אייראָפּע, עמעס, ניט דורכויסיק, נאָר אין צעוואָרפענע ייִשווים מיט א קאָמפּאַקטער ייִדישער באַפעלקערונג. ערשט שפּעטער, זינט די אכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, איז דער מעכטיקער עמיגראַנטן־שטראָם גוירעם די אנטשטייונג פון א ייִדיש־ריידנדיקער מאַסע אין ביידע אַמעריקעס, אין מײַרעוו־אייראָפּע (ענגלאַנד, פראַנקרײַך), אין אזיע (איצטיקער ייִסראָעל), אין דאָרעם־אַפריקע און אין אווסטראַליע.

3) נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע ענדערט זיך ראַדיקאַל דער באַשטאַנד פון ייִדיש־ריידער (און ייִדיש־לייענער). ייִדיש איז איצט די מוטער־שפּראַך און טיילווײַז די ריידשפּראַך דעריקער פונעם מיטעלן און עלטערן דאָר. אזוי איז עס בא אונדז, אזוי איז עס אין גרונט אומעטום.

און ווילן מיר באַזיניקן ווי געהעריק אונדזער גאָרע קולטור־אַרבעט אין ייִדיש, דאַרפן מיר זײַן רעאַליסטיש און זען די שפּראַך־ווירקלעכקײַט אזא, ווי זי איז. בלויז דאַן וועט אונדז קלאָר זײַן, וואָס האָבן מיר און וואָס דאַרפן מיר טאָן. דאָס איז באַזונדערס וויכטיק פאַר אונדזער לעקסיקאָגראַפישער אַרבעט.

אין זינען האָבנדיק אָט די דרײַ באַזונדערקײַטן, קומען מיר איצט צו באַטראַכטן די אויסערסט אינטענסיווע לעקסיקאָגראַפישע אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אינעם נאָכמילכאָמעדיקן פעריאָד, און געבן איר, לויט אונדזערע באַשיידענע מעגלעכקײַטן, די געהעריקע שאַצונג.

באַטראַכטן וועלן מיר אין א ווײַטערדיקן אַרטיקל: 1) דעם „גרויסן ייִדישן ווערטערבוך” (די שוין דערשינענע צוויי בענדער), 2) אוריעל ווײַנרײַכס „מאָדערן ענגליש־ייִדיש — ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך”, 3) אין עטלעכע צוגאָב־ווערטער אויך דעם שוין רעצענזירטן „אויצער פון דער ייִדישער שפּראַך” פון נאָכעם סטוטשקאָוו.

י.־מ. ליפשיץ האָט אונטערגעצויגן א לעקסיקאָגראַפישן סאַכאַקל אונטערן גערעדטן, אין גרונט — דאָרעמדיקן, אוקראַיִניש־וואָליגער ייִדיש. אינעם קלאַסישן און

נאָכקלאַסישן פּעריאָד פון דער ייִדישער ליטעראַטור, דערהויפּט אינעם צײַט־אָפּשניט צווישן ביידע וועלט־מלחמות, קומט פאָר די לעקסיקאָגראַפישע פיקסירונג פון דעם רײַפנדיקן און צולעצט שוין רײַפן ליטעראַרישן ייִדיש — אין פאַרשיידענע לויט זייער ווערט און פאַרנעם פּאַראַלעלע ווערטערביכער, מיט ייִדיש אַלס איינער פון די שפּראַכן. לאָמיר אָנרופן אייניקע פון זיי: ש. בירנבוימס ייִדיש־דײַטש ווערטערביכל צו זײַן „פּראַקטישער גראַמאַטיק פון דער ייִדישער שפּראַך" (אין דײַטש; ווין — לײַפּציק, 1915—1919), הערמאַן ל. שטראַקס „ייִדישער ווערטערבוך" (אין דײַטש; לײַפּציק, 1916); אַלעקסאַנדער האַרקאַוויס „ייִדיש־ענגליש־העברעיִשער ווערטערבוך" (ניו־יאָרק, 1925, מיט אַ צוגאָב — 1928); „פּולשטענדיק פּויליש־ייִדיש ווערטערבוך" (צוזאַמענגעשטעלט לויט די נײַסטע מעקורים דורך אַרן מאַרק, וואַרשע, סאָף צוואַנציקער יאָרן); אין ראַנטפּאַרבאַנד, כוץ די דערמאָנטע טערמינאָלאָגישע ווערטערביכער — ס. ראָכקינד און ה. שקליאַרס „ייִדיש־רוסישער ווערטערבוך" (מינסק, 1940); ייִדיש־ווײַסרוסישער טאַשן־ווערטערבוך", אויסגאַבע פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, ייִדישער סעקטאָר (מינסק, 1932); „רוסיש־ייִדיש ווערטערביכל" אונטער דער רעדאַקציע פון ע. פאַלקאָוויטש (מאָסקווע, 1941).

צווייִשפּראַכיקע ווערטערביכער מיט ייִדיש גייען אַרויס אויך אין פראַנקרײַך, אַרגענטינע, ייִשראָעל. קיין איינער פון די דאָזיקע ווערטערביכער גיט ניט און קאָן ניט געבן קיין פאַרגאַנצטע פאָרשטעלונג וועגן דעם ייִדישן לעקסישן און פראַזעאָלאָגישן פאַרמעג.

אַ ווערטערבוך, וואָס באַקרוינט די גאָרע ייִדישע לעקסיקאָגראַפישע שאַפונג, דערשײַנט ערשט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אייגנטלעך, קאָן גיין אַ רייד וועגן צוויי אַזעלכע ווערק. איינס פון זיי איז אָבער ניט קיין ווערטערבוך — עס פאַרטײַטשט ניט און טײַטשט ניט אויס; עס איז ניט מער ווי אַן אָנזאַמלונג פון ווערטער, אויסגעשטעלטע לויט באַגריפן. דאָס איז נ. סטוטשקאָווס „דער אוצר פון דער ייִדישער שפּראַך" (ניו־יאָרק, 1950). דאָס דאָזיקע אַן און פאַר זיך אָריגינעלע לעקסיקאָגראַפישע ווערק האָט געדינט ניט מער ווי אַן אָנהייב פאַר אַ דויערנדיקער און ברייטער זאַמל־אַרבעט, וועלכע האָט מעגלעך געמאַכט דעם אופקום פון אַ ריזיקן לעקסיקאָגראַפישן ביניען, וואָס ווייסט ניט קיין גלײַכן צו זיך אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער פילאָלאָגיע, פון אַ ווערטערבוך, ווו ס'ווערט פאַרפיקסירט און אַזויאַרום פאַרייביקט די גאָרע שפּראַכשאַפונג פונעם ייִדיש־רײדנדיקן פאָלק אין מעשעך פון הונדערטער יאָרן. דאָס איז דער צענבענדיקער „גרויסער ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך": גרויסער ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך, רעדאַקטאָרן — יודאַ אַ. יאָפע, יודל מאַרק, באַנד I, א — אום; באַנד II, אום — איינב; קאָמיטעט פאַרן גרויסן ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך, ניו־יאָרק, תשכ"ב — 1961 (I ב.), תשכ"ז — 1966 (II ב.).

לויט די שוין דערשינענע צוויי בענדער זײַנע איז צו זען, וואָס פאַר א וויכטיקע ארבעט ס'ווערט דאָ געטאָן.

דער איקער־ציל, וואָס מיר שטעלן פאַר זיך איצט, איז בלויז צו *באַקענען* אונדזער סאָוועטישע יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט מיט אָט דעם ווערטערבוך; אגעוודיק ווען מיר זיך דערלויבן צוגעבן אייניקע קריטישע באַמערקונגען.

דער ג״וו (גרויסער ווערטערבוך — דאָ און ווײַטער א קירצונג פאַרן נאָמען פונעם ווערטערבוך) איז ניט קיין פאַראַלעלער — צווייִשפּראַכיקער אָדער מער־שפּראַכיקער — ווערטערבוך; די יידישע ווערטער און אויסדרוקן ווערן אין אים ניט פאַרטײַטשט, ניט איבערזעצט אין אן אנדער שפּראַך צי אין אנדערע שפּראַכן. דאָס איז א יידיש־יידישער ווערטערבוך, ווו די ווערטער און אויסדרוקן פון דער יידישער שפּראַך ווערן אויסגעטײַטשט מיט די מיטלען פון יידיש גופע. און וואָס איז געמיינט מיט „גרויסער״ — וועגן דעם לאָמיר געבן דאָס וואָרט די רעדאַקטאָרן פונעם ג״וו. אין דער הקדמה איז געזאָגט: „דאָס איז א *קוילעלדיקער* ווערטערבוך, דאָס הייסט אזא, וואָס באַמיט זיך צו פאַרצייכענען, אַרײַנצונעמען אלע ווערטער פון דעם יידישן לאָשן״. דער ג״וו איז פאַרטראַכט און ווערט פאַרווירקלעכט „לויט די מוסטערן פון די גרויסע און קוילעלדיקע ווערטערביכער פון די וויכטיקסטע קולטור־לעשוינעס״. אזעלכע ווערטערביכער פאָדערן יאָרנלאַנגע מי פון א פאַרצווײַגטן קוואַליפיצירטן קאָלעקטיוו.

„קוילעלדיקער״ זאָגט נאָך ניט אַלץ. ס'זײַנען געמאָלט קוילעלדיקע ווערטערביכער מיט א שמעלערער ציל־אײַנשטעלונג. אזא איז, לעמאָשל, דער אַקאַדעמישער פירבענדיקער „ווערטערבוך פון דער רוסישער שפּראַך״, וועלכער האָט אַרײַנגענומען די אלגעמיין־געברויכלעכע לעקסיק און פראַזעאָלאָגיע בלויז פון דער הײַנטצײַטיקער רוסישער ליטעראַרישער שפּראַך. אנדערע, אזעלכע, ווי דאַלס באַרימטער „ווערטערבוך פון דער לעבעדיקער גרויסרוסישער שפּראַך״, שליסן אײַן אויך דעם גאָרן דיאַלעקטאַלן וואָרט־שאַץ.

א באַזונדערס גרויסן נאַציאָנאַלן קולטור־ווערט האָבן אָבער יענע ווערטערביכער, פון אַקאַדעמישן טיפּ, וועלכע נעמען אַרײַן דעם לעקסישן און אידיאָמאַטיש־פראַזעאָלאָגישן אוצער, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אפן גאַנצן צײַטלעכן שעטעך פון זײַן עקזיסטענץ, אין מעשעך פון אלע געשיכטלעכע טקופעס זײַנע, אף וויפל דאָס איז נאָר מעגלעך צונויפצוזאַמלען פון די פאַרבליבענע שריפט־ און דרוק־דענקמעלער, טיילווײַז לויט גאָר פריִען מינדלעכן פאָלקלאָר. אזא איז, צ. ב., דער אַקאַדעמישער 17־בענדיקער „ווערטערבוך פון דער רוסישער שפּראַך״. דער ג״וו געהערט צום לעצטן טיפּ אויסטײַטש־ווערטערביכער. אין דער הקדמה ווערט וועגן דעם געזאָגט: „מיר נעמען אַרײַן די ווערטער ניט בלויז פון הײַנטצײַטיקן יידיש אָדער נאָר פון די לעצטע הונדערט יאָר, נאָר אויך ווערטער פון אלע פריִערדיקע דוירעס, אף וויפל מע קען זיי געפינען פאַרצייכנט אין ליטעראַרישע

דאָקומענטן, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען". און ווייטער: „די קוואָנע פון דעם „גרויסן ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך" איז אַרומצונעמען דאָס גאַנצע לאָשן אין אַלע דריי אויסמעסטונגען: אין דער לענג, אין דער היסטאָרישקייט פון אַלע דורעס, וואָס האָבן גענוצט ייִדיש, אין דער ברייט, אין דער גאַנצער געאָגראַפישער אויסגעשפּרייטקייט און צעוואָרפנקייט פון ייִדיש, אין דער טיף, דאָס הייסט מיט דער גאַנצער סאָציִאַלער און קולטורעלער דיפערענצירונג, וואָס איז פאַראַן אָדער געווען בא ייִדיש־ריידערס".

לאָמיר זען, וויִאַזוי די דאָזיקע קוואָנע ווערט פאַרווירקלעכט אינעם ג"וו.

צוערשט — אין דער ל ע נ ג, אינעם ווערטיקאַלן, צייטלעכן שניט. לאָמיר דאָ גלייך אָפּמערקן: ס'זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן צענדליקער טויזנטער ציטאַטן און — צו דער צייט, ווען ס'איז דערשינען דער ערשטער באַנד, — העכער 180.000 ווערטער פון פאַרשיידנסטע קוועלן. מע רעכנט, אַז די צאָל ווערטער וועט דערגרייכן ביז אַ פערטל מיליאָן. ס'זיינען אויסגענוצט קוועלן, אָנהייבנדיק פון די ערשטע געדרוקטע ייִדישע ביכער, אויך פון אַלטע קסאַוויאַדן. צווישן זיי — דער „באָווע־בוך" פון עלִיאָהו באָכור — 1507 יאָר; „טאַקאָנעס פון קראָקעווער קעהילע" — 1595; פּראָגער בריוו — 1621; די באַרימטע זיכרוינעס פון גליקל האַמיל; דער „מייסע־בוך", אַמסטערדאַם, 1701. וואָס איז שייך צום XIX און XX יאָרהונדערטער, שטעלן די אויסגענוצטע קוועלן פאָר זייער ברייט די ביזקלאַסישע, קלאַסישע און נאָכקלאַסישע ייִדישע ליטעראַטור, די פּובליציסטיק, די וויסנשאַפטלעכע, וויסנשאַפטלעך־פּאָפּולערע ליטעראַטור, די לערנביכלעך — ביזן 1961, ווען ס'איז דערשינען דער ערשטער באַנד פונעם ג"וו. אין די ווייטערדיקע בענדער וועלן אויסגעניצט ווערן אויך שפּעטערע מאַטעריאַלן און ס'וועלן צוקומען נאָך פריִערע.

און איצט — אין דער ב ר ײ ט, אין האָריזאָנטאַלן, רוימלעכן שניט.

אויסער דעם וואָרט־שאַץ פון דער קלאַל־שפּראַך, פונעם נאָרמירטן ליטעראַרישן ייִדיש, איז אין אַ מעגלעכסט פולער מאָס אַריינגענומען אין ג"וו דער דיִאַלעקטאַלער וואָרט־שטאָף — ווערטער פון די הויפּט־דיִאַלעקטן, פון באַזונדערע ריידענישן אין די ראַמען פון יעדער דיִאַלעקט, פון שמאָל־לאָקאַלן געברויך, אויך ווערטער, איבערגענומענע פון די אַרומיקע שפּראַכן, האַגאַם זיי זיינען פאַרבליבן ווי פרעמדקערפּער אין ייִדיש. באַזונדערס איז עס שייך צו די נייע לענדער, וווּהין ס'האָבן עמיגרירט מאַסן מיזרעך־אייראָפּעיִשע ייִדיש־ריידער.

און לעצטנס — אין דער ט י ף, לויט דער סאָציִאַלער און קולטורעלער דיפערענצירטקייט פון ייִדיש־ריידער. דאָס איז אָבער ענג געבונדן מיט דער פראַגע וועגן די צילן, וואָס די שעפער און בויער פונעם ג"וו האָבן פאַר זיך געשטעלט פון אָנהייב אָן. וועגן זיי, וועגן אָט די צילן, קומט אויס צו רעדן גענויער.

אין דער אַרבעט איבערן ג"וו איז ניט איגנאָרירט געווען די באַזונדערקייט פונעם נאָכמילכאָמעדיקן פעריִאָד אין געביט פון ייִדיש. „מיר האָבן ...אָף קיין איין

רעגע ניט פארגעסן, — ווערט געזאָגט אין דער האקדאָמע, — וואָס עס איז געשען מיט אונדזער לאָשן העון דורך דער פארבלוטיקטער האנט פון צוירער און אומברענגער, העון דורך די שטורעמווינטן פון אסימילאציע". פונדאנען דרינגט ארויס דער איקער־ציל: פארהיטן פון פארגעסנקײַט, אינווענטאריזירן, שאפן דעם „ווערטער־ארכיוו פון דעם ייִדישן לאָשן". דער דאָזיקער ציל איז אָבער גענומען אין צוויי אספעקטן — א ריין־לינגוויסטישן און אן אויסערלינגוויסטישן. „מיר באטראכטן, — שרײַבן די רעדאקטאָרן אין דער האקדאָמע, — אונדזער אווודע ניט בלויז ווי א לינגוויסטישע, נאָר ווי א ברייט געזעלשאפטלעכע"... זייער ציל איז ווײַזן דורך די ווערטער און אידיאָמען דאָס, „וואָס איז ייִדיש־טאָכיק... און וואָס מע רופט עס „פאָלקס־גײַסט".

אזא קוק אף דער שפראך ווי אף אן אויסדרוק פונעם „פאָלקס־גײַסט" איז ניט נײַ, ער ציט זיך נאָך פון די גרינדער פונעם דײַטשישן „זשורנאל פאר פעלקערפסיכאָלאָגיע און שפראכוויסנשאפט" לאצארוס און שטיינטאל. אינעם ארײַנפיר צום ערשטן באנד פון אָט דעם זשורנאל (1860) ווערן פאָרמולירט די אופגאבן פון דער אזויגערופענער עטנאָפּסיכאָלאָגיע. שפּעטער, אין 1876, אין זײַן בוך „דאָס לעבן פון דער זעל" שרײַבט לאצארוס: „די שפראך איז אן אָרגאן פאר דער אנטפלעקונג פונעם גײַסט". און: „אויב די שפראך פונעם אינדיווידוום איז דער אויסדרוק און די מאָס פון זײַן אינדיווידועלן גײַסט, איז די שפראך פונעם פאָלק דער אויסדרוק און די מאָס פונעם פאָלקס־גײַסט".

בענעגייע צו ייִדיש איז די דאָזיקע טעאָריע אָנגעווענדט אף אן אייגנארטיקן אויפן אין די ווערק פון א. א. ראָבאק.

דער מארקסיסטישער געדאנק נעמט ניט אָן אזא טעאָריע, לויט וועלכער דער „פאָלקס־גײַסט" איז אידעאליסטיש פאָרגעשטעלט, ווי אן ערשטיקע, א פאָרויסגעגעבענע פאר יעדן פאָלק אומפארענדערלעכע קראפט, אזא, וואָס איז אינערלעך אייגנטימלעך א גאנצן פאָלק אָדער פעלקערשאפט, אויסער רוים און צײַט, און וואָס לייגט ארוף איר שטעמפל אפן ארט דענקען און פילן פונעם פאָלק, בעמיילע שוין אף זײַן שפראך.

דאָס הייסט ניט, אז מיר קאָנען ניט געפינען אין אונדזער שפראך קיין אָפּשפּיגלונג פון פאָלקס־לעבן, פאָלקס־שטייגער און פאָלקס־כאָכמע.

דער איקער־ציל בא די שעפער פונעם ג"ו איז, אייגנטלעך, א צווייענדיקער: שאפן א „ווערטער־ארכיוו" פון ייִדיש און דורך אים אָפּשפּיגלען „דאָס ייִדישע לעבן פון א קייט דוירעס", „שאפן אן ארײַנבליק אין דער ייִדישער געפיל־וועלט און אין דעם ייִדישן וועלט־געפיל". דאָס פירט צו אומקאָנסעקווענצן אין דער עצעם לעקסיקאָגראפישער ארבעט. די רעדאקטאָרן אנערקענען דאָס. זיי שרײַבן אין דער זעלבער האקדאָמע: „בא יענע ווערטער, ווו עס זײַנען פאראן סימאָנים פון ייִדישער באזונדערקײַט, זײַנען מיר טיילוויַיז ארויס פון דעם לינגוויסטישן

טכום און האָבן געשטרעבט צו א קאָנדענסירטער פאָלקס־ענציקלאָפּעדיע״. די אויסערלינגוויסטישע זײַט פונעם איקער־ציל באקומט דאן דעם כאראקטער פון א זעלבשטענדיקן ציל — צו „שאפן א מאָנומענט פון הונדערטער און הונדערטער יאָרן יידיש לעבן פון דעם שעפערישן אשקענאזישן אָפּצווייַג פון אונדזער פאָלק״. אָן און פאר זיך איז עס א גאנץ דערהויבענער ציל. לעקסיקאָגראפיע האָט אָבער איר אייגענע לאָגיק, און באם פארווירקלעכן אָט דעם אויסערלינגוויסטישן ציל מוז מען אָפט גיין קעגן דער דאָזיקער לאָגיק און שטארק אָפּנייגן זיך פון די מוסטערן פון די „וויכטיקסטע קולטור־לעשוינעס״.

קוידעמקאָל איז עס שייַעך צום וואָרטבאשטאנד, צו די ארייַנגענומענע ווערטער. ג״ו איז דאָך א ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראך. ס׳דארפן, וויבאלד אזוי, ארייַנגענומען ווערן ווערטער, וואָס ס׳איז פאראן א סמאך צו רעכענען זיי פאר יידישע אָדער אויך פאר יידישע. דעריבער איז נייטיק געווען פון אָנהייב אָן א פעסטער קריטערי. די רעדאקציע פונעם ג״ו האָט אזעלכן אויסגעפונען: „יעדער וואָרט, וואָס איז געניצט געוואָרן פון א גרופּע יידן, בייס אָט די יידן טראכטן און רעדן יידיש, איז א וואָרט פונעם יידישן לאָשן״. מ׳קאָן עפּשער עפּעס אָפּפרעגן אין אָט דער פאָרמול. אָבער וויבאלד דער קריטערי איז שוין אָנגענומען, דארף מען זיך אין אים האלטן אָן שום אָפּנייגן. זוכן אָבער די רעדאקטאָרן דאָס „טאָכיק־יידישע״, דאָס „ניט־דעפּינירלעכע״, דאָס, וואָס מע רופט „פאָלקס־גייַסט״. דעריבער מאכן זיי אָן אויסנאם פאר א באדייַטנדיקן פלאסט ווערטער און אידיאָמען — פון „פארשיידענע שיכטן און טקופעס פון העברעיִש און פון געמאָרע־שפּראך״. דער אויסנאם באשטייט אין דעם, וואָס זיי נעמען ארייַן א גוזמע ווערטער און אויסדרוקן פון זייער שמאָלן טאלמידיי־כאכאָמימשן געברויך, וואָס מע האָט זיי געניצט בלויז אלס ציטאטן און קלאל ניט אלס אָרגאניש־יידישן שפּראכשטאָף, וועלכער איז נייטיק עמעצן, בייס ער רעדט און טראכט יידיש. אייניקע ביישפּילן: אבנתא דליבא (אוואנטע דעליבא) — „דאָס אבסטראקטע אָדער אינטויִטיווע פארשטיין״; אבק־גזל (אוואק־געזעל) — „אומדירעקטע, קוים־קוים קאָנטיקע פאָרם פון גזיילע״; אבק־ריבית (אוואק ריביס — „אומדירעקט פּראָצענט־געלט, וואָס איז פארווערט״; אגרא דפ(י)רקא ר(י)הטא (אגרא דיפּירקא ריהאָטאָ) — „דער לוין פאר הערן א דראָשע איז אינעם לויפן (הערן) (אפילע מע האָט גאָרנישט ניט פארשטאנען); אדם רוצה בקב שלו (מתשעה קבין של הברו) (אָדאָם רוציע בעקאוו שעלוי (מיטישע קאבין שעל כאווירוי) — „דער מענטש וויל בעסער איין מעסטל זייַן אייגנס (איידער נייַן מעסטלעך יענעמס)״; אבוד (אָוועד) — „א פארלאָרענער, א פארלאָרן געגאנגענער״; אומנות (אומנעס) — „ספּעציִאליטעט, מייַסטערשאפט און אנדערע באטייַטן; אופק (אויפעק) — „האָריזאָנט״: אלס באזונדערע ווערטער קומען אין ג״ו אזעלכע אברעוויִאטורן, ווי: אבדומ״ץ (אב בית־דין ומורה־צדק — אָוו בעסדן אומוירע־צעדעק) — געמיינט: „אָן

אווטאָריטעטע ראַבאָנישע פּערזאָן"; א"ט (אבנים טובות — אוואָנים טויוועס) — „איידלשטיינער", אדג.

די רעדאַקטאָרן פּילן אַליין, אַז אזעלכע ווערטער און אויסדרוקן געהערן ניט צו דער ייִדישער שפּראַך, אַז זיי זײַנען ציטאַטן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שרײַבן זיי: „בּאַ דעם פּונקט האָבן מיר אויסגעברייטערט אונדזער צוגאַנג צו דעם, וואָס עס איז אַ וואָרט פון ייִדיש (און ניט קיין ציטאַט)... קעדיי באַהילפיק צו זײַן די אַלע, וואָס געפינען געדרוקטערהייט אָדער הערן אין אַ שמועס די אָנגענומענע ציטאַטן".

אזעלכע ציטאַטאַרטיקע ווערטער און אויסדרוקן פאַרנעמען קאַמעסדיק אַ היפּש אָרט אינעם ג"וו, און אין זייער פּראַקטישן ווערט קאָן מען שטאַרק מעסופּעק זײַן. איין זאַך זײַנען אזעלכע אויסדרוקן, ווי אהבה חתלויה בדבר, צי שלא על מנת לקבל פּרס (אַהאַווע האַטלויִע בעדאָווער, שעלוי אַל מענאָס לעקאַבל פּראָס) — געמיינט: „פאַלשע, אייגננוציקע ליבע", „ניט צוליב באַלוינונג"; ניט נאָר מע קאָן זיי אַמאָל טרעפן אין אַ געדרוקטן בוך צי אין אַ בריוו, נאָר זיי קאָנען אוטיליזירט ווערן אַף צו באַרײַכערן דעם הײַנטצײַטיקן ליטעראַרישן ייִדיש. אַנדערש איז עס מיט די אויבנגעבראַכטע בײַשפּילן, אַ הײַנטצײַטיקער ייִדישער וויסנשאַפטלער צי ביכלאַל אַ מאַן פון העכערער קולטור קאָן זיך, אַשטייגער, פאַרגינען אין אַ פּאָר־לעמיק מיט עמעצן אָפּענטפערן מיט דער אַריסטאָטעל־סענטענץ: „פּלאַטאָן איז אַ פרײַנט, נאָר דער עמעס איז נאָך אַ גרעסערער פרײַנט". צי הייסט עס, אַז אַזאַ ציטאַט דאַרף אַרײַנגענומען ווערן אין ג"וו און טאַקע ווי זי שטייט און גייט? נאָר זאָל זײַן, אַז מע נעמט שוין יאָ אַרײַן העברעיִשע צי אַראַמעיִשע ציטאַטן. אָבער פאַרוואָס זשע אָן שום באַוואָרענישן?

פאַרשיידענע מינים ווערטער, וואָס אין זייער אָנגעהעריקײַט צום הײַנטצײַטיקן ליטעראַרישן ייִדיש קאָן מען צווייפלען, אָדער אזעלכע, וואָס זייער געברויך איז אַ ספּעציפישער, זײַנען אין ג"וו געגעבן מיט געהעריקע רעמאַרקעס. דורך אזעל־כע באַוואָרענישן ווערט דערגרייכט סטיליסטישע דיפערענצירונג און אויך נאָר־מירונג, אָנווײַז אַף דעם, וואָס איז יאָ אָדער ניט רעקאָמענדירט פאַרן ליטעראַרישן באַנוץ. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, גוט. גוט איז, אַשטייגער, אזאַ באַוואָרעניש, ווי „אַרכאַיִש" בּאַ אזעלכע ווערטער, ווי אומווינדונג („אײַנהילונג"), אומווינדיק („צעטומלענדיק"), אומאַכטזומקײַט („דאָס ניט לייגן קיין אַכט"), אייבעריקײַט („העכערע מאַכט"), אַרומפּאַרוואָרן („דערווײַטערט", „אָפּגעזונדערט") אדג. דאָס זײַנען גערמאַניש־שטאַמיקע אַרכאַיִזמען. נאָר שוין זשע זײַנען ווייניקער אַרכאַיִש די געבראַכטע העברעיִשע צי אַראַמעיִשע ווערטער און אויסדרוקן? אַלע זײַנען זיי אָבער געגעבן „מיט דער ברייטער האַנט און אָן באַוואָרענישן", ווײַל „מיר האַלטן, אַז דאָס לאָשן פון טאַלמידכאָכעם איז אַ וויכטיקער און וואָגיקער באַשטאַנדטײל פון אונדזער שפּראַך און אַז אַפילע זעלטענע ווערטער פון דער קאַטעגאָריע דאַרפן

אופגעהיט ווערן". צי מיינט עס אויך „רעקאָמענדירט ווערן" (פארן ליטעראַרישן הײַנטצײַטיקן ייִדיש)? אויב ניין, איז פארוואָס זשע „אָן באוואָרענישן", אָן רעמארקעס, ניט ווי עס פירט זיך בײַ לײַטן?

אין ג"וו איז ברייט פאָרגעשטעלט אינטערנאַציאָנאַלע לעקסיק — אַלגעמיינע און ספּעציעל־טערמינאָלאָגישע, וויסנשאַפטלעכע טערמינען, דעריקער אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין געווען אין ייִדישע טעקסטן, טרעפן זיך אין גאַנץ אַלגעמיינע קורסן און זײַנען געוואָרן פּאָפּולער; פיל ברייטער — מעדיצינישע טערמינאָלאָגיע, מאַכמעס פּראַקטישע טײַמים.

אין די זעלבע ראַמען איז אַרײַנגענומען אויך אַנדערע, ניט־אינטערנאַציאָנאַלע טערמינאָלאָגיע, דערהויפּט פון גערמאַנישער אָפּשטאַמונג. צ. ב.: אויעראַקס („איירעפּעישער ביזאָן"), אײַזבער („ווײַסער בער"), אויגנפיש („פלאָנדערקע מיט שופּן, וואָס מאַכן אַן אײַנדרוק פון אַ סאַך אויגן"), אַדלערפיש („אַ גרויסער יאַםפיש אין מיטללענדישן יאַם"). בײַ טערמינען פון דעם מין (זאָאָלאָגישע, באָטאַנישע אאַ.) ווערט אָפט באַנאַנד מיטן אויסטײַטש געגעבן אַ געמעל.

אין ג"וו זײַנען אַרומגעכאַפּט אויך נעאָלאָגיזמען — געלונגענע און ניט געלונגענע, אַשטייגער: אומוויסיק („אומבאַוווּסטזיניק"; „אומוויסנדיק"), אומוויל („אומווילן"), אומבברעכיק („וואָס ס'איז ניט צו צעברעכן") אאַ.

ס'איז ניט פאַרשוויגן דאָס סאָוועטישע וואָרט, דער סאָוועטיזם: אַגיטפּונקט, אַגיטפּראָפּ, אַגיטקע, אויסגלײַכלקע, אַגראָמינימום, אויספּירקאָם אאַז״וו.

אַזוי האַלט עס מיט די צילן פונעם ג"וו, מיט זײַן פאַרנעם און מיט זײַן וואָרטשאַץ.

ווייל מען אָבער באַקומען אַ מער קלאָרן באַגריף וועגן יענער קאָלאָסאַלער מי, וואָס ווערט אַרײַנגעלייגט אין אַזאַ ווערק, מוז מען כאָטש אויבנאויף באַקענען זיך מיט דער באַאַרבעטונג פונעם אָנגעזאַמלטן לעקסישן און פראַזעאָלאָגישן מאַטעריאַל.

אין אַ ליטעראַרישן זשורנאַל איז אוממעגלעך צו באַטראַכטן גענוי די שמאָלפאַכמענישע זײַט פון דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכער און ביז גאָר סקרופּולעזער אַרבעט. לאָמיר ניט פאַרגעסן: העכער 200.000 ווערטער און פראַזעאָלאָגישע אויסדרוקן! יעדער וואָרט מוז מען צוערשט אַנאַליזירן סעמאַנטיש, דה. אויסגעפינען אַלע זײַנע מעגלעכע באַטײַטן און באַטײַטלעכע שאַטירונגען; פאָרמולירן די דאָזיקע באַטײַטן אין ייִדיש, דה. אויסטײַטשן יעדער וואָרט, יעדער אויסדרוק, אייניקע ווערטער — אַפילו לויט אַזעלכע באַטײַטן, וואָס זיי האָבן געהאַט בלויז צוריק מיט הונדערטער יאָרן. לאָמיר אויך געדענקען, אַז די מיטאַרבעטער פונעם ג"וו האָבן ניט פאַרמאָגט אין זייער רשות קיין שום פריִערן ייִדישן אויסטײַטש־ווערטערבוך — אַזאַ איז נאָך ניט געשאַפן געוואָרן. אין דער סעמאַנטישער גלידערונג פונעם וואָרט האָבן בלויז טיילווײַז געקאָנט צודינען די

פאַראַנענע צווייַשפּראַכיקע אָדער מערשפּראַכיקע ווערטערביכער מיט די ייִדישע ווערטער אויף ערשטן אָרט (לויטן ייִדישן אַלעפבייס). בעסער איז עס מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער לעקסיק, וועלכע איז אויסגעטייַטשט אין פּילצאָליקע פרעמד־ווערטער־לעקסיקאָנען אין פאַרשיידנסטע שפּראַכן, אַזוי אַז ס׳בלייַבט נאָר איבערזעצן די אויסטייַטשן אין ייִדיש (פאַרשטייט זיך, פאַרזיכטיק, מיט קריטישן צוגאַנג); אינטערנאַציאָנאַלע לעקסיק איז אָבער פאַרהעלטניסמעסיק פאַרגעשטעלט אינעם ג״ו אין אַ קלענער מאָס.

און אַז ס׳איז שוין אויסגעפונען דער באַטייַט פונעם וואָרט און ס׳איז שוין געגעבן דער געהעריקער אויסטייַטש, דאַרף מען אים נאָך אונטערשפּאַרן — איליוסטרירן מיט געלונגענע בייַשפּילן, אָפט — דערווייַז, דאָקומענטירן מיט ציטאַטן פון פאַרשיידענע קוועלן, באַזונדערס אין יענע פאַלן, ווען ס׳קאָנען אויפקומען ספּייקעס.

באַ יעדער וואָרט מוז מען געבן זייַן כאַראַקטעריסטיק — אַ גראַמאַטישע צי אַ סטיליסטישע אאַ. וועגן באַוואָרענישן, וואָס דאַרפן נאָרמירן דעם באַנוץ, — רעקאָמענדירן צי ניט רעקאָמענדירן פאַר דער ליטעראַרישער שפּראַך אָדער אָנווייַזן אויף אַ שמאָלן אָנווענד פונעם וואָרט, — איז טיילווייַז שוין געזאָגט אויבן. אַ באַזונדערס גרויסע ווערט האָבן אין ג״ו די גראַמאַטישע רעמאַרקעס.

אינעם ליטעראַרישן ייִדיש ווערן געוויסע גראַמאַטישע נאָרמעס פּאַרפעסטיקט, סטאַביליזירט לאַנגזאַמער, איידער אין שפּראַכן מיט אַן אַנטוויקלטן מינדלעך־ליטעראַרישן וואַריאַנט, ווו שאַרפע אָפּנייגן פון דער נאָרמע שטויסן זיך אָן אויף אַ באַלדיקן ווידערשטאַנד מיצד דער קולטור־געזעלשאַפטלעכקייַט און ווו די רעדנער גופא באַמיִען זיך אָפּצוהיטן די ליטעראַרישע נאָרמעס, באַזונדערס די גראַמאַטישע. אַגעוו, אַפילע אין אַזעלכע שפּראַכן טרעפט ניט־זעלטן, אַז די רייד־סטיכיי ברעכט די שוין אייַנגעשטעלטע נאָרמעס. אין ייִדיש אָבער בלייַבט נאָך געננוג וואָס אייַנצושטעלן, נאָרמירן. ס׳איז נאָך באַ אונדז ווייַט ניט קעשורע, אַשטייגער, מיטן געברויך פון אייניקע גראַמאַטישע פאָרמעס, באַזונדערס מיט די פאָרמעס פונעם פּאַרטיציפּ (געפּאַרבט צי געפּאַרבן? געבראַכט צי געברענגט?); פון מערצאָל (באַראַקן צי באַראַקעס? פאָרמען צי פאָרמעס? בענדער צי בענד? באַל־האַמצאָעס, באַלײ־האַמצאָע צי באַלײ־האַמצאָעס? און עפּשער דיפערענצירן — ווען בענדער און ווען בענד אדג.?); פון דעם טנײַ־מאָדוס (באַדינג־מאָדוס) פאַר ווערבן (איך וואָלט געבן צי איך וואָלט געגעבן? אדג.). וואַקלונגען לאָזן זיך באַזונדערס שטאַרק פילן אין פראַט פון מין־אָנגעהעריקייַט פון סובסטאַנטיוון (די בריוו צי דער בריוו? די היספּײַלעס צי דאָס היספּײַלעס? דער געפיל צי דאָס געפיל?). וועגן דעם געברויך פון אַזעלכע פאָרמעס קאָן מען געפינען אין אייניקע צווייי אָדער דרייַשפּראַכיקע ווערטערביכער (באַ ליפשיצן, באַ האַרקאַווין, באַ אוריִעל ווייַנרייַכן); זיי זייַנען אָבער אָפט סויסער איינער דעם אַנדערן, און ס׳וואָלט

נאטירלעך געווען, אז דאָס לעצטע וואָרט, דאָס ענדגילטיק באַשליסנדיקע, זאָל האָבן אין אַזעלכע פראגן דער ג״וו.

פון אַלעם געזאָגטן וועגן דער אויספורעמונג פון די וואָרט־אַרטיקלען אינעם ג״וו איז צו זען, ווי קאָמפּליצירט ס׳איז די אַרבעט איבער אַזאַ שפּראַך־ביניען.

ווײַזן, ווי ס׳זעען אויס אין ג״וו פאַרשיידענע וואָרט־אַרטיקלען, דערלויבט דאָ ניט די באַגרענעצטקייט אין אָרט. מיר וועלן דעריבער באַנוגענען זיך בלויז מיט איין בײַשפּיל.

דאָס וואָרט אויג איז אין ג״וו געגעבן אין 34 פאַרשיידענע באַטײַטן, מיט העכער 150 אילוסטראַטיווע בײַשפּילן צו זיי — פון מינדלעכע רייד, פון פאָלקלאָר, פון ליטעראַרישע ווערק. ס׳קומען דערנאָך העכער 180 אידיאָמען, וואָס שליסן אײַן דעם סובסטאַנטיוו אויג, און יעדערער פון זיי ווערט אויך אויסגעטײַטשט און באַגלייט מיט אילוסטראַטיווע בײַשפּילן. דאָס וואָרט פאַרנעמט אַזויאַרום קימאַט אַ גאַנצן דרוקבויגן!

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ גוואַלדיקער אַרבעט, ווי איבערן ג״וו, דערצו נאָך באַם אָנטייל פון אַ היפּשער צאָל אויסטײַטשער (די האַקדאָמע רופט אָן זיי בעצן נעמען — כוץ די זאַמלער, וועלכע האָבן אָפט צוגעשיקט די ווערטער צוזאַמען מיט אייגענע אויסטײַטשן), זײַנען אומפאַרמײַדלעך קלענערע און גרעסערע מינוסן — אומקאָנסעקווענצן, אומפּינקטלעכקײַטן, אַפילע ניט־ריכטיקע קאָנסטאַטאַציעס; ווי זאָגן די רעדאַקטאָרן גופע, „עכטע שליימעס איז אַן אומדערגרייכלעכע באַשטרעבונג״. מע קאָן אָבער, זאָל זײַן נאָך אַ דערוואַײַליקן, אויבנאויפיקן דורכקוק, באַהויפּטן, אַז אַזעלכע מינוסן זײַנען אינעם ג״וו זעלטענערע אויסנאַמען.

איינס לאָמיר דאָך אָפּמערקן.

דער אײַנדרוק איז, אַז מער דורכגעטראַכט וואָלט געדאַרפט זײַן דער סעמאַנטישער אַנאַליז; גראָד אין דעם פּראַט זײַנען אָפטער אומקאָנסעקווענצן. צ. ב.: פאַרן וואָרט „אַגענטור״ זײַנען אינעם באַטײַט 1 אָנגעגעבן: „ביוראָ, פונקציע און טעטיקײַט פון אַגענט״. צי קאָן מען רעכענען פאַר איין באַטײַט אַ סובסטאַנציאָנעלן באַגריף (אַן אַנשטאַלט, אַ ביוראָ) און אַ פּראָצעסועלן (טעטיקײַט)? אַפילע פונקציע איז אַ ווײַטערער סעמאַנטישער ניואַנס לעגאַבע טעטיקײַט; דאָס איז דער באַגרענעצטער קרײַז פון טעטיקײַט, אָבער ניט די טעטיקײַט גופע. און פאַרקערט: ס׳ווערן אַמאָל דיפערענצירט באַטײַטן, וואָס וואָלטן געמעגט באַטראַכט ווערן ווי פײַנערע שאַטירונגען אין די ראַמען פון איין באַטײַט, אַשטייגער: „אויסמאַכן״ (אינעם אומטראַנזיטיוון זינען). פאַר דעם דאָזיקן ווערב זײַנען געגעבן פינף באַטײַטן. צווישן די באַטײַטן, 1 און 2 זעען מיר ניט אַזאַ מעהאַלעך, אַז מע זאָל זיי דאַרפן פאַנאַנדערגרענעצן. לאָמיר פאַרגלײַכן אַזעלכע צוויי ציטאַטן: צום באַטײַט 1 — „ווען בעהאָלע? וואָס בעהאָלע? דאָס מ א כ ט אַ ייִדן ניט א ו י ס, אַזעלכע אָדער אַזעלכע — אַלצייינס״ (מענדעלע. שלוימע ר׳ כאַיִמס); צום באַ־

טײַט 2 — „קליין און גרויס, יונג און אַלט — וואָס *מאַכט* עס *אויס*? אַלע זײַנען ייִדישע קינדער" (מענדעלע. דאָס ווינטשפֿינגערל). שוין זשע איליוסטרירן די דאָזיקע ציטאַטן צוויי פֿאַרשיידענע באַטײַטן? עמעס, אינעם באַטײַט 2 קומט נאָך צו די שאַטירונג פֿון „קימערן, אַרן" („אַז די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע איז צעהאַקט, צעפֿאַלן... *מאַכט* אויך ניט *אויס* (מענדעלע. מאַסאָעס בנימין השלישי). דאָס איז אָבער פֿאָרט ניט מער ווי אַ שאַטירונג.

פֿאַר דעם ווערב „אויסגיין 1" (אינעם אומטראַנזיטיוון זינען) זײַנען אָנגעוויזן 21 באַטײַטן. די דיפֿערענצירונג זייערע רופֿט אַרויס פֿיל ספּייקעס. צום באַדויערן, קאָנען מיר דאָ זיך ניט אָפּשטעלן דערויף — איבער אָרט־מאַנגל.

אָבער, ווי געזאָגט, דאָס אַלץ זײַנען אויסנאַמען. בכלל אָבער פֿילט זיך די געניטע האַנט פֿון גאָר קוואַליפֿיצירטע פֿילאָלאָגן־לינגוויסטן.

דער ג"ו האָט אַ גרויסע ווערט ניט בלויז אַלס מאָנומענט פֿון דער ייִדישער שפּראַך, נאָר אויך אַלס מאַטעריאַל פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון איר געשיכטע, באַזונדערס פֿאַר דער ווײַטערדיקער אַרבעט איבער צווייִשפּראַכיקע ווערטערביכער מיט ייִדיש אַלס איינער פֿון די שפּראַכן. נאָך מער: דער רײַכער מאַטעריאַל, וואָס איז צעוואָרפֿן אינעם ג"ו, קאָן אַ סאַך געבן פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער קולטור אינעם ברייטסטן זינען פֿונעם וואָרט.

מיר גייען איבער צו דעם ווערק, וואָס שליסט דעם הונדערטיאָריקן פּעריאָד פֿון דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע, — צו אוריאל ווײַנרײַכס „מאָדערן ייִדיש־ענגליש־ייִדיש ווערטערבוך" („מאָדערן... וו"ב").

אַ פּאָר ווערטער וועגן אַווטאָר — אייניקע ביאָגראַפֿישע מאָמענטן, וואָס האָבן אַ נאָענטע שײַכעס צו זײַן אַרבעט איבערן דאָזיקן ווערק.

ד"ר אוריאל ווײַנרײַך איז אַוועקגעגאַנגען פֿון דער וועלט אין עלטער פֿון סאַכאַקל פֿערציק יאָר, און דאָך האָט ער באַוויזן זיך קוינע־שעם צו זײַן אין דער לינגוויסטישער וועלט מיט זײַנע אַלגעמיין־לינגוויסטישע קאָנצעפּציעס אין אַזעלכע אָפּצווײַגן פֿון דער שפּראַכוויסנשאַפֿט, ווי דיאַלעקטאָלאָגיע, סעמאַנטיק, לעקסיקאָגראַפֿיע, געשיכטע פֿון לינגוויסטישע טעאָריעס אאַ. ס'איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס זײַן ווערטערבוך שטיצט זיך אויף שטרענג דורכגעטראַכטע אַלגעמיין־לעקסיקאָלאָגישע פּרינציפּן. וועזנטלעך איז אָבער אויך דאָס, וואָס ער איז אַ זון פֿון ד"ר מאַקס ווײַנרײַך, וועלכער איז יאָרנלאַנג געווען דער וויסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר פֿונעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט (ייִוואָ) און איז אַליין געווען אַ פּראָמינענטער ייִדישער פֿילאָלאָג־לינגוויסט. דער אַווטאָר פֿונעם „מאָדערן... וו"ב" האָט פֿון די יונגע יאָרן אָן געאָטעמט מיט דער לופֿט פֿונעם ייִוואָ; דאָס

האָט געמוזט ארופלייגן א געוויסן שטעמפּל אף זײַן לעקסיקאָגראַפיש ווערק, אײ־בער וועלכן ער האָט געארבעט העכער 17 יאָר — ביז די סאַמע לעצטע טעג פון זײַן לעבן.

אין זײַן „א וואָרט פריִער" רעדט דער אוטאָר וועגן די צוויי צילן, וואָס ס'האָט פאר זיך דער ווערטערבוך — א פּראקטישן און א געזעלשאפטלעכן. דער ערשטער באשטייט אין „העלפן דעם ייִדיש־לערנער סײַ באם לייענען ייִדיש, סײַ באם שרײַבן און רעדן דאָס לאָשן קאָרעקט און אידיִאָמאטיש", דער צווייטער — אין אָפּגעבן דעם ייִדישן שפּראך־קלאל א פּראָוויזאָרישן דין־וועכעזשבן וועגן דער לעקסיקאלישער אנטוויקלונג פון אונדזער ליטעראטור־שפּראך".

אויך אוריִעל ווײַנרײַך רעדט וועגן קוילעלדיקן כאראקטער פון זײַן ווערטער־בוך, אָבער געמיינט איז דאָ גאָר אן אנדער מין קוילעלדיקײַט לעגאבע דעם ג"וו. אין יענעם ווערט סומירט אלץ, וואָס איז ווען און ווו געווען צי ס'איז פאראן אין ייִדיש — אין אלע זײַנע אנטפלעקונגען, ווי מיר האָבן עס געזען, — אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער טיף. דער „מאָדערן... וו"ב" איז, לויטן אוטאָר, „גענוג קוילעלדיק" בלויז „אלס שליסל צו דער ייִדישער וויסנשאפטלעכער ליטע־ראטור, צו דער פּובליציסטיק און צו דער וועלט־פּרעסע פון דער הײַנטיקער צײַט". דער אוטאָר האלט דאָך, אז אויך באם לייענען די שיינע ליטעראטור קאָן זײַן ווערק „דינען גאָרניט צו פאַרזינדיקן".

דער טראָפּ איז געשטעלט אף דער ל ע ק ס י ק א ל י ש ע ר א נ ט װ י ק־ל ו נ ג פון ייִדיש, אף דער באַרײַכערונג פון אונדזער שפּראך אין די לעצטע יאָרצענדליקער, ווען די פּובליציסטיק ברייטערט אויס איר ווירקונג אף פאר־שיידענע שיכטן פונעם פאָלק און דורך איר דריגגען ארײַן אין זייער אומגאנג־שפּראך וויסנשאפטלעכע באגריפן, וויסנשאפטלעכע טערמינאָלאָגיע און ווען, ניט געקוקט אפן „קאטאסטראָפאלן אָפּקום פון ריידערס און שרײַבערס ביים דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, קומט צו לעקסישע נײַס אין ייִדיש פון פארשיידענע קוואלן".

אינעם „מאָדערן... וו"ב" ווערט דאָס אלץ סומירט. נאָך מער: אלס צוויישפּראַ־כיקער ווערטערבוך — סײַ מיט ייִדיש אפן ערשטן אָרט און סײַ מיט ייִדיש אפן צווייטן אָרט — פילט אויס „מאָדערן... וו"ב" אן אופגאבע, וואָס איז ניט געשטאנען פארן ג"וו: ער שטעלט פּאָנעם־על־פּאָנעם ייִדיש מיט א הויך אנטוויקלטער הײַנט־צײַטיקער ליטעראַרישער שפּראך — מיט ענגליש. און אזויארום ווײַזט ער, וואָס פאר א מעגלעכקײַטן ייִדיש פארמאָגט אף איבערצוגעבן די באטײַטן און די פײַנערע סע־מאנטישע ניואנסן פון די ווערטער און אידיִאָמען אין אזא שפּראך; איינצײַטיק ווײַזט ער אויך, וואָס ס'פעלט נאָך אונדזער שפּראך אין דעם פראט. אגעוו, אינעם ייִדיש־ענגלישן טייל איז אויך צו זען, ווי רײַך ס'איז די ייִדישע שפּראך און

ווי באַגרענעצט ס׳זײַנען ניט־זעלטן די מעגלעכקײַטן פֿון ענגליש אויסצודריקן אַדעקוואַט דעם אינהאַלט פֿון ייִדישע ווערטער.

דער „מאָדערן... וו׳ב״ איז אויסגערעכנט דעריקער אַף א סטודענט, אַף אַן אינטעליגענט בכלל, וואָס ווייסט אויסגעצייכנט ענגליש (און א ביסעלע ייִדיש) און וואָס ווייסט, ווי צו ניצן אַן ערנסטן ווערטערבוך.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַזעלכע צילן איז ביז אוריִעל ווײַנרײַכן גאָרנישט ניט געטאָן געוואָרן.

פֿון פֿולערע ווערטערביכער מיט ייִדיש אַפֿן ערשטן אָרט דאַרף מען באַזונ־דערס אָפּמערקן הארקאַוויס „ייִדיש־ענגליש־העברעיִשן ווערטערבוך״; מיט ייִדיש אַפֿן צווייטן אָרט — ראָכקינד און שקליאַרס „רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך״ און דעם „פֿולשטענדיק פּויליש־ייִדיש ווערטערבוך״, צונויפֿגעשטעלט דורך אַרן מאַרק. צווישן זיי און „מאָדערן... וו׳ב״ ליגט אָבער א היפּשער צײַט־אָפּשניט — די לעצ־טע צוויי אָדער מער יאָרצענדליקער, — און קיין איינער פֿון זיי קאָן שוין ניט באַפֿרידיקן די פֿאָדערונגען, וואָס ס׳שטעלט פֿאַר דער לעקסיקאָגראַפֿיע אונדזער צײַט. שוין אָפּגערעדט דערפֿון, וואָס די מעטאָדן פֿון לעקסיקאָגראַפֿיע זײַנען די לעצטע יאָרצענדליקער גענויער פֿאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן און זיי ווערן סטאַנדאַרטיזירט אין צווישנפֿעלקערלעכן מאַסשטאַב. אָט דאָס טאַקע איז בא אוריִעל ווײַנרײַכן געמיינט מיט „מאָדערן״, און שוין נאָכן אויטאָרס טויט, אינעם פֿאָרוואָרט פֿונעם פֿאַרלאַג צום „מאָדערן... וו׳ב״, ווערט געזאָגט וועגן דעם: „עס שטעקט אין אָט דעם נאָמען א היסכּײַוועס צו האַלטן די ווײַטערדיקע אויסגאַבעס אין טראָט מיט דער צײַט״.

צי זײַנען דערגרייכט די צילן, וואָס ד״ר אוריִעל ווײַנרײַך האָט פֿאַר זיך גע־שטעלט?

אַף דער הילע פֿונעם ווערטערבוך זײַנען פֿאַראַן באַגײַסטערטע אָפּרופֿן פֿון אָנגעזעענע אוניווערסיטעט־פּראָפֿעסאָרן. און ס׳איז קיין וווּנדער ניט: מעוויינים ווייסן ווי צו שאַצן אַזעלכע מײַלעס פֿונעם „מאָדערן... וו׳ב״, ווי די אויסגעהאַלטנ־קײַט פֿון זײַן סיסטעם, דער אָפּקלײַב פֿון ווערטער און אויסדרוקן, די פּינקטלעכ־קײַט פֿון די טײַטשן, די שטרענגקײַט און שפּאָרעוודיקײַט פֿון דער פֿורעמונג אין יעדער וואָרט־אַרטיקל באַזונדער. ביז גאָר וויכטיק איז די נאָרמאַטיווע פֿונקציע, וואָס ס׳פֿילט אויס דער ווערטערבוך. ס׳זײַנען אָנגעגעבן די פֿאָרמעס פֿונעם פֿאַר־טיציפּ בא ווערבן, פֿון מערצאָל בא סובסטאַנטיוון, דער מין פֿון סובסטאַנטיוון — דאָס אַלץ בלויז אינעם ייִדיש־ענגלישן טייל; בא די זעלבע ווערטער אינעם ענ־גליש־ייִדישן טייל זײַנען אַזעלכע אָנווײַזן שוין ניט נייטיק: ווען דער באַניצער האָט שוין די ייִדישע טײַטשונג, קאָן ער גרינג געפֿינען די גראַמאַטישע כאַראַק־טעריסטיק אינעם ייִדיש־ענגלישן טייל. פֿאַראַן אייניקע זייער געלונגענע און נייטיקע וואָרטשאַפֿונגען.

געוויס וועט נאָך קומען ניט איין אופלאגע פון דעם „מאָדערן... וו׳ב״. און טאקע דערפאר איז וויכטיק אָנצוווייַזן אף דעם, וואָס וואָלט געדארפט געענדערט ווערן.

אין ווייַטערדיקן, קריטישן, טייל פון אָט דעם ארטיקל מוזן מיר — ניט צופעליק — ווידער אָנהייבן, פונקט ווי באם באטראכטן דעם ג״וו, פונעם וו א ר ט־ ב א ש ט א נ ד. דאָס איז שייַעך אין דער ערשטער ריי צו דער פולקייַט פונעם ווערטערבוך, אפילע אויב אין זינען האָבן דעם באגרענעצטן ציל — געבן א שליסל צו דער וויסנשאפטלעכער און פובליציסטישער שפראך, צו דער שפראך פון דער הייַנטצייַטיקער פערי׳אָדישער פרעסע. מע דארף ניט פארגעסן, אז אין אונדזער צייַט איז ניטאָ קיין שארפע גרענעץ אין פראט פון לעקסישן שטאָף צווישן שייַנער ליטעראטור און פובליציסטיק, באזונדערס דער פערי׳אָדיק. אין צייַטונגען, אשטייגער, דרוקן זיך אָפט קינסטלערישע דערציילונגען, לידער, אפילע ראָמאַנען, וואָס ציִען זיך פון טאָג צו טאָג א לענגערע צייַט. גאָר א געוויינלעכע דערשייַנונג זייַנען אין דער פערי׳אָדישער פרעסע סקיצן, וואָס שטייען זייער נאָענט צו שיינער ליטעראטור. אין קריטישע ארטיקלען ווערן אָפט ציטירט גאנצע פראגמענטן און אוואדע שוין קלענערע ציטאטן פון קינסטלערישע ווערק.

געדענקען מיר דאָס אלץ, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אז לעכאָלהאפּאָכעס אינעם יִדיש־ענגלישן טייל פון „מאָדערן ... וו׳ב״ זייַנען היפש ווערטער „ניט דערגעבן״. און ניט דערפאר, וואָס מ׳האָט זיי פארזען, צי באם זאמלען ווערטער פון פארשיידענע קוועלן האָט מען זיך צופעליק אף זיי ניט אָנגעשטויסן, נאָר מאכמעס גאָר אן אנדער סיבע. דאָ לאָזט זיך פילן די ווירקונג פון די יִ׳וואָ־אייַנשטעלונגען, מיט וועלכע עס פאלן זיך, זעט אויס, צונויף די אייַנשטעלונגען פונעם אווטאָר.

סראָוו גילט דאָ דער פרינציפּ, וואָס הערשט אין די יִ׳וואָ־קרייַזן: וו אָ ס ווייַטער פ ו ן ד ייַ ט ש. זעט אויס, דעריבער פעלט, אשטייגער, אינעם ווערטערבוך אזא אלטגעזעסן וואָרט פונעם ליטעראריִשן יִדיש, ווי געוויטער, און פארביטן איז עס מיט געדונער, האגאם אזא נייַשאפונג ווערט אופגענומען ווי (גע)דונערייַ, פונקט ווי געהילך — (גע)הילכערייַ, געקנאל — (גע)קנאלערייַ, געדונער איז בלויז אן עלעמענט, עמעס, אן איקערדיקער, אין אזא קאָמפליצירטער וועטער־דערשייַנונג ווי געוויטער. געוויטער מיינט: „דונערן און בליצן, באגלייט פון רעגן אָדער האָגל און אימפּעטיקע ווינט־אופברויזן״.

דעריקער אָבער ווערט אָנגעווענדט דער דערמאָנטער פרינציפּ אין דער וואָרטבילדונג.

ווי ווייַט מעגלעך איז אויסגעמיטן דער סופיקס לאָז. דאָס זעלבע — מיטן סופיקס ־באר; אָנשטאָט אים — די סופיקסן ־לעך, ־עוודיק. פאר ענלעכע ווערטער

מיט א נעגיר־פּרעפיקס ווערט אָפּט אָנגעגעבן אויך א באשרײַבערישע פאָרמע לויט דער מאָדעל: ניט אָפּצופרעגן, ניט צו גלייבן אדג.

בענעגייע צום סופיקס ־באר איז מער פארשטענדלעך די טענדענץ אים אויס־צומײַדן, ווײַל אייניקע אויסבילדונגען מיט דעם דאָזיקן סופיקס קלינגען בעעמעס דײַטשמעריש. אָבער אויך דאָ דארף מען אף אים ניט ארופלייגן קיין קאַטעגאָרישן וועטאָ. גוט איז אומהיילעוודיק, אויך — אומויסמעסטלעך; מע דארף אָבער ניט אויסשליסן פונעם ליטעראַרישן באנוץ דערלאָזבאר (פאָנעטיש — בעסער פון דער־לאָזלעך, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס אינעם ליטעראַרישן יידיש איז דערלאָז־באר טיף אײַנגעוואָרצלט); אומאָפּלייקנדלעך איז ביכלאל ניט געלונגען: מע טאָר ניט אָנווענדן מעכאניש דעם פאָנעטישן קלאל, וואָס פאָדערט אין פארקלענער־נע־מען ארײַנצושטעלן דעם קלאנג ד צווישן נ און ל (ביין — ביינדל, צאָן — ציינדל); אומאַפּלייקנדלעך האָט צו זיך ניט קיין פאָנעטישן גלײַכן אין יידיש, און דעריבער איז בעסער אפילע אומאָפּלייקנבאר; נאָך בעסער איז ניט אָפּצולייקענען; ס'איז אָבער פאראן פאלן, ווען ס'איז פאסיקער דאפקע אן אדיעקטיווישע פאָרמע.

ס'ווערן קימאט אויסגעשלאָסן ווערטער מיטן פרעפיקסארטיקן טייל זעלבסט, וועלכער ווערט פארביטן אף אליין: אליינמאָרד, אליינמערדער, אליין־פארוואל־טונג, אליין־באדינונג; זעלבסטמאָרד, זעלבסטמערדער, אויך זעלבסטפארשטענדלעך קומען בלויז אינעם יידיש־ענגלישן טייל) מיט א שטערנדל, וואָס באטײַט: „ס'איז א סאָפעק, צי זיי זײַנען דערלאָזלעך אין דער קלאל־שפּראך".

זעלבסט־ זעט אונדז אויס צו זײַן פיל בעסער פון אליין־ מאכמעס צוויי טײַ־מים: 1) זעלבסט־ איז א לאנגאָניקער פראָדוקטיווער פרעפיקס אינעם ליטעראַרישן יידיש, 2) אליין־ „דעקט" ניט פולשטענדיק דעם באגריף זעלבסט־; אליין־באדינונג קאָן הייסן: דאָס באדינען עמעצן (ניט זיך) אליין, אָן קיינעמס הילף...

פאר אזא צוגאנג צו ווערטער, גענומענע פון דײַטש, ווערן אָפּט ארויסגערוקט צוויי מאָטיוון: 1) וואָס ווײַטער פונעם „צוירערס שפּראך"; 2) אונדזער שפּראך איז געוואָרן יידיש בלויז דאן, ווען זי האָט אויסגעארבעט אירע אייגענע פאָרמעס פון וואָרט־ענדערונג און וואָרטבילדונג, איר אייגענעם זאצבוי און אויך — דורך פארהיטן און ארײַנעמען נײַע העברעיש־שטאמיקע ווערטער, דורך ארײַנעמען סלאווישן וואָרטשטאָף — אן אנדערשדיקע לעקסיק. איז דעריבער — וואָס ווײַטער פון דײַטש, אלץ מער יידיש.

דעם ערשטן מאָטיוו קאָן מען בעשום־אויפן ניט אָנעמען. דײַטש איז טאקע די שפּראך, אף וועלכער ס'האָבן גערעדט די היטלעריסטן. דאָס האָט אָבער צו דער שפּראך גופע קיין שײַכעס ניט. דײַטש איז אויך די שפּראך פון די גרונטלייגער פון מארקסיזם, פון געטען און הייגען, פון אלבערט איינשטיין, פון אזעלכע פּראָ־

גרעסיווע און אנטיפאשיסטישע שרײַבער, ווי פויכטוואנגער, הענריך און טאָמאס
מאן און פיל אנדערע.

אויסער דעם אלעם, לאָמיר זאָגן גלײַך: יידיש איז ניט קיין אורגער־
מאַניש־שטאַמיקע שפראך, נאָר בעפיירעש א דײַטש־שטאַמיקע. ס׳איז
א גאָר גרויסער אונטערשייד. נאָרוועגיש, דעניש, שוועדיש שטייען אין איין ריי
מיט דײַטש אלס גערמאַנישע שפראכן: אלע זײַנען זיי אופגעקומען אף אן אור־
גערמאַנישער באזע, און פונקט ווי דײַטש שטאַמט ניט פון דעניש, אזוי שטאַמט
ניט דעניש פון דײַטש. מיט יידיש איז עס גאנץ אנדערש. אונדזער שפראך שטאַמט
בעפיירעש פון דײַטש, אין גרונט פון די מיטלהויכדײַטשישע דיאלעקטן, און א
גערמאַנישע שפראך איז יידיש דערפאר, ווײַל דײַטש איז א גערמאַנישע שפראך;
איר לעקסישער קאַרקאַס, אויב ניט רעכענען די העברעיִשע און סלאַווישע צו־
מישן, איז א דײַטש־שטאַמיקער (ניט קיין דײַטשישער, נאָר א דײַטש־שטאַמיקער!).
איז דעריבער — וויאזוי איר זאָלט ניט זאָגן: אליינמאָרד צי זעלבסטמאָרד, איז עס
בעמיילע פון דײַטשישן מאַטעריאַל. פארשטייט זיך, אז אלץ, וואָס איז טאַקע
בעעמעס דײַטשמעריש, אלץ, וואָס ס׳האָט זיך ניט „צוגעקלעפּט" צו יידיש, דאַרף
מען אויסשליסן פונעם ליטעראַרישן באַנוץ, נאָר באַציִען זיך מיט כשאַד — מאַכ־
מעס זייער דײַטשישער אָפּשטאַמונג — צו ווערטער און אפיקסן, וואָס האָבן זיך גוט
צוגעפּאַסט צום שריפטלעך־ליטעראַרישן יידיש, האָט קיין שום זינען ניט.

ס׳פעלן אין „מאָדערן... וו״ב" אויך אנדערע ווערטער — שוין אומאָפּהענגיק
פון זייער אָפּשטאַמונג, אזעלכע, וואָס אָן זיי קאָן זיך ניט באַגיין אפילע די פּו־
בליציסטיק, די פּעריאָדישע פּרעסע. ס׳זײַנען ניטאָ, אשטייגער, אזעלכע ווערטער,
ווי אומטראָגן זיך, דעראַרבעטן, קונדייסעווען, אומלײַט, שטיקן — מיטן באַטײַט
„העפטן" (פאַראַן בלויז מיטן באַטײַט „וואָרגן"), פּאַרקאַשערן, באַשטאַן, הוילן
(הײַלן), ווײַסלעכן (פאַראַן בלויז ווײַסל), אייבערשפּיצל, פאַרזיצן (פאַראַן פאַרזעסן
ווערן); ס׳פעלט אזא פאַרשפרייט וואָרט אין אונדזער ליטעראַטור, ווי פאַרוואָר־
לאָזטער (אָנשטאָט דעם איז געגעבן: „העפקער־קינד, וואָגלקינד; דאָס איז גאָר
עפּעס אנדערש לעגאַבע פאַרוואָרלאָזטער. ניט באַרעכטיקט זײַנען די פאַרלאָשנ־
קוידעשטע און דערצו געקינצלטע קאַבינעטישע וואָרט־שאַפונגען, וואָס זײַנען
גוירעם מאַמעש דאָס אָפּפרעמדן דעם ליטעראַרישן יידיש פון די יידיש־ריידנדיקע
מאַסן. אינעם יידיש־ענגלישן טייל מעגן זײַן ווייניקגעברויכלעכע העברעיִש־שטאַ־
מיקע ווערטער, אויב מע קאָן זיי אמאָל טרעפן אין דער קלאַסישער ליטעראַטור.
אָבער אינעם ענגליש־יידישן טייל דאַרפן אזעלכע ניט פיגורירן. אשטייגער: באַ־
נאַנד מיט ראַבאָט — גוילעמאַט (פון גוילעם); באַקויעכן — וואָס מיינט: „שטויסן,
פאָרויסטרײַבן (מיט קויעך)"; אָנגווויליק („גרענעצלאָז" — פון גוויל — „גרענעץ");

בגידעדיק („פארעטעריש״ — פון בגידע — „פאראט״, בויגעד — „פארעטער״) אדג.; באנאנד מיט לעסטערונג, כילעל־האשעם — גידעף (גידופים); באנאנד מיט אָפּזאָגן זיך (פון עפּעס) — דויכע זײַן (עפּעס); באנאנד מיט עמפאז, ארויסהייב(ונג) — אויך האדגאָשע (פון דגש — דאָגעש — „א פינטעלע אין א קאָנסאָנאנט, וואָס פארשטארקט זײַן ארויסברענג״); באנאנד מיט רעזאָליוציע — האכלאָטע אדג.

וועגן וואָרטבאשטאנד וואָלט מען נאָך געקאָנט א סאך זאָגן. מאכמעס אָרטמאנגל וועלן מיר זיך באגרענעצן מיט דעם, וואָס איז געזאָגט ביז אהער.

ס׳רופט ארויס אין אייניקע פאלן ספייקעס די גראמאטישע כאראקטעריסטיק פון די ווערטער. די מערצאָל־פאָרמע פון סובסטאנטיוון אף ־אטאָר (איניצי:א׳טאָר, אָרגאניזא׳טאָר) איז אָנגעגעבן מיט ־ן און מיט איבעראקצענטירונג (איניצי:אטאָ׳רן, אָרגאניזאטאָ׳רן). צי איז ניט בארעכטיקט אויך מיט ־ס (איניציא׳טאָרס, אָרגאניזא׳טאָרס)? גוט איז דער אומרו (פון א זייגער) און אויך דער אומרו („די אומרו:קייט״); פאר אומרו אינעם צווייטן באטײַט איז אָבער אָנגעגעבן אויך די אומרו. אונדז זעט עס אויס צו זײַן ניט בארעכטיקט (האגאם — די רו). ניט שטענדיק באפרידיקן די אָנווײַזן אף דער פארטיציפּ־פאָרמע. פארוואָס, לעמאָשל, געלאָזן, ניט געלאָזט? אין ג״ו איז געגעבן געלאָזט און בא געלאָזן — „פּ ד״ (פוילישער די:אלעקט); אויסגעגליכן צי אויסגעגלײַכט?

דער „מאָדערן ... וו״ב״ דארף נאָך געגויער באהאנדלט ווערן אין דער ספעצ:עלער, לינגוויסטישער ליטעראטור.

לאָמיר צום שלוס באמערקן: אלץ, וואָס ס׳איז בא אונדז דאָ געזאָגט וועגן וואָרטבאשטאנד, איז שײַעך צו א קאמעסדיק ניט גאָר באדײַטנדיקן טייל פונעם ווערטערבוך. אין גרונט איז דאָס דאָזיקע ווערק א גרויסע דערגרייכונג פון דער יידישער פילאָלאָגיע און עס שפּיגלט אָפּ דעם ברייטן שפּאן פאָרויס, וואָס ס׳האָט דורכגעמאכט דער ליטערארישער יידיש אין נאָכמילכאָמעדיקן פערי:אָד פון זײַן אנטוויקלונג.